גליון
# באור החיים

פרשת וישב - תשפ"ו לפ"ק | גליון תתנ"ט

הגליון בשבוע זו נתנדב על ידי
משפחת נייכמאנן שיחי'
לע"נ בעלה / אביהם הרה"ח ר' יוסף בן ר' ישראל ע"ה
יארצייט ביום כ"ח כסלו - ד' דחנוכה הבעל"ט
ובזכות זה יתברכו בכל מילי דמיטב, וימלא הקב"ה כל משאלות לבם לטובה אמן סלה

## על ידי מדת היראה זוכים לתורה

**וישב יעקב בארץ מגורי אביו בארץ כנען.**

המפרשים דקדקו, דהיה לו לכתוב ויגר יעקב בארץ מגורי אביו, או וישב יעקב בארץ ישיבת אביו, גם מה שנאמר "בארץ כנען" נראה כמיותר, דהלא ידענו מכבר שיצחק גר בארץ כנען.

ויש לרמז בזה, כי ידוע דמדתו של יעקב היא מדת תפארת, ומדת תפארת היא כח התורה, וידוע כי התורה אינה מתקיימת אלא במי שיש בו מדת היראה, כמו שאמרו חז"ל (אבות ג"ט) כל שיראת חטאו קודמת לחכמתו, חכמתו מתקיימת, כי היראה היא הכלי מחזיק ברכה, שעל ידה תתקיים התורה בקרב הארץ.

ועל פי זה יש לרמז "וישב יעקב" פי' כדי שמדתו של יעקב דהיינו התורה תתיישב ותתקיים בקרב האדם, צריך שתהיה "בארץ מגורי אביו" מגורי הוא מלשון יראה, מלשון ויגר מואב, והיינו שצריך להתדבק במדת היראה, שהיא מדתו של "אביו" יצחק.

והיאך זוכה האדם ליראת ה', על ידי שמתנהג בהכנעה וענוה, כמה שנאמר (משלי כ"ב ד') עקב ענוה יראת ה', וכן כתוב הרמב"ן בהאגרת לבנו, ובעבור הענוה תעלה על לבך מדת היראה, וזה מרומז בפסוק בארץ מגורי אביו "בארץ כנען", שכדי שיזכה להשיג מדת היראה המרומזת "במגורי אביו", צריך להתנהג בבחינת "ארץ כנען" בהכנעה וענוה, ועל ידי זה יזכה לבחינת "וישב יעקב" שתתיישב ותתקיים בקרבו כחו של יעקב דהיינו התורה.

(עבו"ע פתג"ק וישב)

## באור פני מלך
### פניני עבודה על פרשת השבוע

## כשרואין עוולה בחבירו צריכין להוכיחו

**ויבא יוסף את דבתם רעה אל אביהם.**

פירוש רש"י שחושדן על שלשה דברים, שהיו אוכלין אבר מן החי, ומזלזלין בבני השפחות לקרותן עבדים, וחשודין על העריות, ובשלשתן לקה, וישחטו שעיר עזים במכירתו ולא אכלוהו חי, ולעבד יוסף נמכר, ועל העריות ותשא אשת אדוניו וגו'.

ולכאורה קשה, דאמאי נענש יוסף, הלא רצה בטובתם כדי לתקן פגמם, ועל כן סיפר הדברים לאביו כדי שהוא יורה להם הדרך.

ותירצו בספרים הק', דיוסף בעצמו היה צריך לילך להשבטים ולהוכיחם, ולא היה צריך לילך ולמוסרם לאביו, אלא יוסף חשב דהוא הקטן שבכולן, והיאך יכול לדבר דברי תוכחה לאחיו הגדולים, דהם ודאי לא ישמעו לו, ועל כן נענש דבאמת כשאדם רואה דבר עוולה צריך מיד לילך לו ולדבר עמו ולשמוע אמאי עשה כן.

(עבו"ע אמ"ק תזריע)

## כל חיות דקדושה תלוים ממדת היסוד

**והנה תסובנה אלומותיכם ותשתחוין לאלומתי.**

מדת היסוד היא נקרא צדיק חי עלמין, דזה נותן חיות דקדושה בכל העולם, יסוד הוא התקשרות, דזה התקשר כל אחד להבורא יתברך, ואיתא בספרים הק' דפי מה האדם מקדש את עצמו במדת היסוד, זוכה להרגיש יותר חיות דקדושה בכל מצוה.

וזה סיפור יוסף הצדיק לאחיו, והנה תסובנה אלומותיכם ותשתחוין לאלומתי, וכן חלום השני, והנה השמש והירח ואחד עשר כוכבים משתחוים לי, דרצה לרמז אותם דכולם תלוים במדתו מדת היסוד, וכל החיות דקדושה בא ממנו.

(עבו"ע שפ"ק שקלים)

# שביבי אש

קורצע טרעפליכע טייטשן מתורתו של כ"ק מרן רבינו הקדוש זיעועכי"א

**לא המתים יהללו קה, נישט די תורה ותפלה אן קיין חיות איז חשוב ביים אייבערשטן.**

(שיח"ק ח"א רי"ז)

## די צרה פון יוסף הצדיק איז געווען א הכנה פארן יעצטיגן גלות און פאר די גאולה השלימה

**וישב יעקב בארץ מגורי אביו, זאגט רש"י הק', ביקש יעקב לישב בשלוה קפץ עליו רגזו של יוסף, צדיקים מבקשים לישב בשלוה וכו'.**

שטעלן זיך די מפרשים פארוואס שטייט דאס דייקא דא, פריער פאר ער איז אנטלאפן צו לבן האט ער דען נישט געוואלט לישב בשלוה.

אויך דארף מען פארשטיין, די גמרא זאגט דאך, (ברכות ס"ד א') תלמיד חכם אין להם מנוחה, לא בעולם הזה, ולא בעולם הבא, שנאמר (תהלים פ"ד ח') ילכו מחיל אל חיל, זאגן די מפרשים פשט, אין להם מנוחה, זיי ווילן נישט קיין מנוחה, זיי ווילן כסדר גיין מחיל אל חיל, אויב אזוי, וואס הייסט צדיקים מבקשין לישב בשלוה, זיי ווילן דאך נישט זיצן במנוחה.

זענען די ספרים הק' מסביר דעם ענין אויף דעם אופן, בהקדם וואס דער של"ה הק' זאגט די וואך, אז דאס וואס יעקב אבינו האט מיטגעמאכט צרת עשו, צרת לבן, צרת דינה, צרת יוסף, זענען קעגן די ארבע גליות, בבל, מדי, יון, אדום, ווייל אין די פאסירונגען פון יעקב, איז געווען כולל אלעס וואס כלל ישראל האט שפעטער געדארפט מיטמאכן, מעשי אבות סימן לבנים, די מעשי האבות איז דער שורש פון

## דער הייליגער רבי זאגט

ילקוט אמרים מכ"ק רביה"ק זי"ע מלוקט מספרי דבי רב - באדיש

די מעשי הבנים, ממילא האט יעקב אבינו געקלערט, די דריי גליות האט ער שוין דורכגעמאכט, צרת עשו צרת לבן צרת דינה, קעגן בבל מדי יון, אדום איז דאך נישט קיין נייע קליפה, עס איז נאר כולל די דריי גליות צוזאמען, און ווי ס'שטייט אין די ספרים אז בבל מדי יון זענען קעגן די ערשטע דריי אותיות פונעם שם הוי"ה, און אדום איז דאך קעגן די ה"א אחרונה, דאס איז מדת המלכות וואס איז כולל אלע מדות, האט ער געקלערט די יה"ו פונעם שם האט ער שוין מתקן געווען, די ה"א אחרונה איז נאר א כח הכולל, דארף ער שוין נישט מיטמאכן נאך, יעצט איז שוין געקומען ביי אים די זמן וואס איז מכוון קעגן לעתיד לבא, האט ער געוואלט פון יעצט דינען דעם אייבערשטן אויף די בחינה וואס עס וועט זיין לעתיד לבא, מיט גרויסע השגות מיט גרויסע מוחין, ער זאל נישט דארפן אראפשטעלן מער פון די מדרגה, דאס טייטש ביקש יעקב לישב בשלוה, ער האט שוין געוואלט טוען אן עבודה מתוך שלוה, אזוי ווי ביים תיקון השלם.

דער אייבערשטער האט אבער געזעהן, אז ער דארף נאך דורכגיין דעם רוגזו של יוסף, וואס איז קעגן גלות אדום, וואס די גלות פון יוסף הצדיק איז געווען א הכנה פארן לעצטן גלות, ווייל דורכדעם וואס יוסף הצדיק האט עומד געווען בנסיון דארט אין מצרים האט ער איינגעלייגט גרויסע כוחות פארן יעצטיגן גלות און פאר די גאולה שלימה, ווייל די גאולה וועט דאך קומען דורך אים, דורך משיח בן יוסף, משיח בן דוד וועט קומען דערנאך, און ווי דער פסוק זאגט (תהלים ע"ז ט"ז) גאלת בזרוע עמך בני יעקב ויוסף סלה, ווייל די גאולה וועט קומען דורך יוסף, און אזוי זאגט מען ביי די סליחות, אולי ירחם שארית יוסף, יוסף און יהודה זענען צוויי חלקים פון מדת המלכות, פון דעם איז שפעטער געווארן צוטיילט מלכות ישראל און מלכות בית דוד, מלכות ישראל איז געקומען פון יוסף, און מיט דעם וואס יוסף איז געווען מלך מצרים, האט ער מתקן געווען זיין חלק און מדת המלכות, און ער האט צוגעגרייט דעם וועג פאר די גאולה שלימה, משיח בן יוסף זאל קענען קומען, און דערנאך משיח בן דוד.

און הערשט נאכן דורכגיין די נסיון, האט יעקב זוכה געווען לישב בשלוה, די לעצטע זיבעצן יאר אין מצרים זענען טאקע געווען ביי אים אויף דעם אופן, אזוי ווי ס'וועט זיין לעתיד לבוא, ווי דער זוה"ק זאגט אין פרשת ויחי, אז דער אייבערשטער האט אים דעמאלטס געזאגט, הא לך שבע עשרה שנה בענוגין ותפנוקין והנאות וכסופין.

(עבודת עבודה שפתי קודש)

# א ווארט צום שבת טיש

געקליבענע תורות און מעשיות נאכצוזאגן ביים שבת טיש

# א תורה אויף די פרשה

## אלה תולדות יעקב יוסף.

פון די סדרה קען מען זיך ארויסלערנען, אז א איד טאר זיך קיינמאל נישט בארואיגן אז ער איז שוין אין א גוטע דרגא במצות ומעש"ט, נאר ער דארף אלעמאל שטייגן וואס מער און מער, מוסיף והולך. דאס קען מען דא מרמז זיין, אלה תולדות יעקב, דאס דארף זיין די מעשים טובים פון יעדן איד, יוסף, צו שטייגן אין עבודת השם וואס מער און מער.

(הרה"ק מרימנוב זי"ע)

## וישנאו אותו ולא יכלו דברו לשלום.

ווען צוויי מענטשן קריגן זיך, איז על פי רוב דער פראבלעם אז זיי ווילן זיך נישט צאמזעצן און מאכן שלום, דאס זאגט אונז דא די פסוק, "וישנאו אותו", פארוואס האבן זיי זיך געקריגט, ווייל "לא יכלו דברו לשלום", זיי האבן נישט געוואלט רעדן איינער צום צווייטן און מאכן שלום.

(רבי יהונתן אייבשיץ זי"ע)

## את אחי אנכי מבקש.

מען זעהט דא ביי די פרשה א געוואלדיגע מוסר השכל, א ווען א איד דאווענט דארף ער בעטן נישט בלויז פאר זיך, נאר אויך פאר זיינע באקאנטע און גאנץ כלל ישראל.

דאס איז טייטש אין פסוק, "את אחי", מיט מיינע ברידער, "אנכי מבקש", בעט איך, אז מיין ישועה זאלן קומען צוזאמען מיט די ישועה פון גאנץ כלל ישראל.

(אור התפלה)

## וישלחהו מעמק חברון.

רש"י הק' פרעגט, וויאזוי קען מען זאגן אז חברון איז א טאל עס שטייט דאך אין פסוק אז חברון איז א בארג, ענטפערט רש"י אז מעמק חברון טייטשט, פון די טיפע עצה פון דעם צדיק אברהם וואס ליגט אין חברון.

דארף מען פארשטיין פון וועלכע עצה רעדט מען דא.

מ'קען עס מסביר זיין מיט דעם וואס דער מדרש זאגט (ב"ר מ"ד כ"א) אז דער אייבערשטער האט געזאגט פאר אברהם, וואס ווילסטו ענדערש, אז דיינע קינדער זאלן ווערן געמשפט'ט אין גיהנם, אדער אין גלות. האט אברהם אויסגעקליבן גלות אנטשטאט גיהנם, וואס גיהנם ווערט אנגערופן שאול-טיפעניש. עס איז דאך באקאנט אז ארץ ישראל איז גבוה מכל הארצות, איז ווען די אידן גיין אין גלות אוועק פון ארץ ישראל, אנשטאט צו גיין צום טיפן גיהנם, גייען זיי נידריג, צו טיפע לענדער וועלכע זענען נידריגער פון ארץ ישראל, אזוי ווי עס שטייט אז יוסף הצדיק האט געזאגט "רדה אלי אל תעמוד". דאס איז געווען דער עצה פון אברהם אבינו, עמוקה, מען זאל ענדערש גיין אין די טיפע גלות לענדער, און דורך דעם ניצול ווערן פון גיהנם.

(כלי יקר)

# א מעשה אויף די פרשה

## לא זכר שר המשקים את יוסף וישכחהו.

דער הייליגער בעל שם טוב הק' האט געהאט אן אייניקל א גרויסער צדיק, מיטן נאמען ר' אהרן מטיטיוב זי"ע, איידער ער איז באקאנט געווארן מיט זיין גרויסע צדקות האט ער געוואוינט זייער באהאלטן אז קיינער זאל נישט וויסן פון זיין גרויסקייט, און האט געלעבט ווי א צדיק נסתר.

ביי אים אין שטוב איז דער ארימקייט געווען זייער גרויס, אז אסאך מאל איז ממש נישט געווען קיין לחם לאכול, ער האט קיינמאל נישט געוואלט נעמען פון קיין מענטשן, און אודאי נישט געלאזט וויסן פאר קיינעם ווער זיין גרויסע זיידע איז געווען.

איינמאל פאר פסח איז ממש נישט געווען אויף וואס פסח צו מאכן, דער מצב איז געווען שרעקליך, האט ר' אהרן געטראכט ביי זיך אין הארץ, "איך פארשטיי נישט, דער בעל שם טוב'ס אן אייניקל וואוינט דא אין שטאט, און אזוי פיל פון זיינע חסידים וואוינען דא, און קיינעם פאלט נישט איין אז מען דארף אים מהנה זיין לכבוד יום טוב".

ווי נאר ער האט דאס געענדיגט טראכטן, זעהט ער ווי פון אלע זייטן הייבן אן קומען מענטשן און מען ברענגט אים פולע עסן און טרינקן לכבוד יום טוב, און אלע בעטן אים איבער אז זיי האבן נישט געוויסט אז ער איז דעם בעל שם טוב'ס אייניקל.

ווי נאר ר' אהרן האט דאס געזעהן האט ער זיך זייער שטארק מצער געווען דערויף, און האט פארשטאנען אז דאס איז א שטראף פון הימל פאר זיין מחשבה, און ר' אהרן האט געבעטן דער אייבישטער אז די מענטשן פון שטאט זאלן פארגעסן פון אים, וכך הוה.

האט ר' אהרן געטייטשט אין פסוק "ולא זכר שר המשקים את יוסף וישכחהו", יוסף הצדיק האט געזאגט פאר די שר המשקים, כי אם זכרתני וגו', זאלסט זאגן פאר פרעה מיר ארויסצונעמען פון תפיסה, האט יוסף שפעטער דערויף חרטה געהאט, פארוואס האב איך זיך נישט געקענט איינהאלטן און זיך פארלאזן אויפן אייבערשטן, האט דאן יוסף געבעטן פונעם אייבערשטער אז ער זאל מאכן אז דער שר המשקים זאל פארגעסן פון אים.

דאס זאגט דער פסוק, ולא זכר שר המשקים את יוסף וישכחהו, "וישכחהו" איז טייטשט ער האט אים געמאכט פארגעסן, יוסף האט געבעטן ער זאל "מאכן" פארגעסן דעם שר המשקים.



# ביאור הלכה

הלכות וביאורים מתוך ספרי בית נאמן בישראל
אשר עדיין לא ראו אור הדפוס
מאת הגאון הגדול דומ"ץ קריתינו הק' שליט"א

## שמן זית

### א

### שאלה: אויב מען האט א ספעציעלע סארט אויל, וואס ברענט שענער פון שמן זית, מיט וואס פאר א אויל זאל מען אנדערש צינדן די חנוכה ליכט?

**תשובה:** להלכה זענען אלע ערליי אויל כשר צו צינדן חנוכה ליכט, פונדעסטוועגן איז א מצוה מן המובחר, צו צינדן מיט שמן זית, וועגן צוויי טעמים, 1. ווייל מיט דעם איז געשען דער נס אין בית המקדש (כלבו סימן מ"ד), 2. ווייל דער פלאם פון שמן זית, איז לויטער און קלאר (רמ"א סי' תרע"ג ס"א).

קומט אויס אז לויטן ערשטן טעם דארף מען אנדערש צינדן מיט שמן זית, אפילו די אויל ברענט שענער, אבער לויטן צווייטן טעם קען זיי אז עס איז ענדערש צו צינדן מיט די אויל וואס איז מער לויטער.

למעשה שרייבט דער הייליגער בני יששכר אין חידושי מהרצ"א (שו"ע סימן תרע"ג ס"א) אז די מעלה פון צינדן מיט שמן זית, איז מער פון די מעלה אז די פלאם איז מער לויטער, וויבאלד מיט שמן זית איז געשען די נס, דעריבער זאל מען ענערש צינן מיט שמן זית.

### ב

### שאלה: עס איז דא צו באקומען "שמן זית זך" וואס ווערט אנגערופן "עקסטערע לייט", וואס די אויל איז מער לויטער, אויך איז דא אנדערע שמן זית וואס זענען נישט אזוי לויטער, אבער זיי ברענען שענער ווייל זיי זענען מער פעט, וועלכע אויל זאל מען ענדערש נעמען?

**תשובה:** כאטש די "שמן זית זך" האט א חשיבות אז עס איז מער גלייך צו די שמן זית פון בית המקדש, וואס איז געווען "שמן זית זך", פונדעסטוועגן איז מער מהודר מען זאל צינדן מיט די שמן זית וואס ברענט שענער, ווייל דאס האט ביידע טעמים, סיי עס איז שמן זית, און סיי עס ברענט שענער.

### ג

### שאלה: וועלכע שמן זית איז מער מהודר, די וואס זענען פון געפרעסט זיתים, אדער פון געקאכטע?

**תשובה:** עס איז דא צוויי ערליי שמן זית, איין סארט וואס די זיתים ווערן אויסגעקוועטש דורך א פרעס א.ד.ג., אויך איז דא א סארט שמן זית וואס די זיתים ווערן געקאכט, און די אויל טיילט זיך אפ דורכן קאכן, און כאטש ביידע זענען כשר און מהודר, פונדעסטוועגן איז די ערשטע סארט מער חשוב, וויבאלד עס איז מער גלייך צו די שמן זית פון בית המקדש וואס איז נישט געווארן געקאכט (שו"ת תשובות והנהגות, ח"ג סימן רי"ח).

### ד

### שאלה: עס איז דא צו באקומען פארגליווערטע שמן זית אין סעפיציעלע גלעזלעך, וואס נאכדעם וואס מען צינדט אן די קנויט ווערט עס אויפגעלאזט, האט דאס די מעלה פון געהעריגע שמן זית?

**תשובה:** עס זענען דא וואס האלטן, אז דאס האט נישט דעם הידור פון שמן זית, וויבאלד די הלכה איז אז הדלקה עושה מצוה, און בשעת די הדלקה איז די אויל פארגליווערט, און דאס איז נישט אזוי ווי די אויל וואס איז געווען בית המקדש וואס עס איז געווען פלוסיג בשעת'ן צינדן, און אויך ווייל מען לייגט אריין אין די אויל א מאטריאל וואס פארגליווערט די אויל, און אין די אויל פון בית המקדש איז גארנישט געווען אויסגעמישט, אבער להלכה איז דאס כשר (שו"ת תשובות והנהגות ח"ג סימן רי"ח), און עס זענען דא וואס האלטן, אז דאס האט יא די הידור פון שמן זית (שו"ת שבט הלוי ח"ט סימן קמ"ג).

און יעדנספאל איז דאס מער חשוב'ער פון אנדערע ליכט ווי שעווה א.ד.ג.

### ה

### שאלה: קען מען צינדן די חנוכה ליכט מיט אויל וואס איז נישט ראוי צו עסן?

**תשובה:** כאטש רוב פוסקים האלטן, אז די אויל וואס מען צינדט פאר חנוכה, דארף נישט צו זיין "מן המותר בפיך" (שו"ת שנות חיים, סימן רי"ח), דעת תורה, סימן תרע"ג, ועוד), דאס מיינט אז עס דארף נישט זיין ראוי צום עסן, פונדעסטוועגן שרייבן טייל פוסקים, אז עס איז נישט קיין הידור צו צינדן מיט אזא אויל (שו"ת מהרש"ם, ח"ט סימן ל"ט), אין די קומענדיגע סעיפים האבן מיר געשריבן עטליכע זאכן וואס איז גילטיג צו די הלכה.

#### 1. כשר'ע שמן זית

לכתחלה דארף מען מדקדק זיין צו צינדן חנוכה ליכט, מיט שמן זית וואס איז כשר צום עסן, דעריבער איז מען מקפיד צו צינדן מיט שמן זית, וואס האט א פארלעסליכע הכשר (שו"ת בית יצחק, ח"ב סוף סימן קמ"ה), בדיעבד ווען מען האט נישט קיין כשר'ע שמן זית, מעג מען צינדן דערמיט.

* עס ווערט דערציילט אז איין יאר איז נישט געווען צו באקומען שמן זית מיט א הכשר, האט הרה"ק מסטאמאר בעל דברי יואל זי"ע געצינדן מיט פשוט'ע אויל מיט א הכשר, און ער האט געזאגט פאר הגה"צ פאפא רב זצ"ל, אז מען דארף נישט ארויסקומען מיט א איסור דערויף, ווייל מען קען זיך פארלאזן אויפן בית שלמה און בית יצחק און נאך פוסקים וואס האלטן אז עס דארף נישט זיין מן המותר בפיך (סדר הדלקת נר חנוכה דברי יואל, אות ג').

#### 2. אויל וואס איז געווען אפען

עס ווערט געפסק'נט אין שלחן ערוך, אז מען טאר נישט מאכן קידוש אויף וויין, וואס איז געווען אפען א לאנגע צייט אן א דעקל, ווייל עס איז נישט קיין כבוד מקדש זיין דעם שבת, מיט אזאן וואס איז געווען

אפען, פונדעסטוועגן מעג מען צינדן חנוכה ליכט, מיט אויל וואס איז געווען אפען א לאנגע צייט, ווייל ביי שמן איז נישט שייך דער איסור גילוי (רמב"ם פי"א מהלכות רוצח ושמירת הנפש ה"ז).

### 3. אויל וואס איז פאר מיאוס'ט געווארן

אויל וואס מען האט געטראפן דערין א בעל חי, ווי א מייז א.ד.ג., און דאס איז פאר מיאוס'ט געווארן, ווער עס עקלט זיך דערפון, טאר נישט צינדן מיט די אויל (מ"ב סימן תרע"ג ס"ק ג', פרי מגדים, סימן קנ"ד א"א ס"ק י"ט).

אבער אויב עס איז אריין געפאלן פליגן אין די אויל מעג מען צינדן מיט די אויל, ווייל עס ווערט נישט אזוי מיאוס (עפ"י הגמרא מגילה (דף י"ג ע"ב) וגיטין (דף צ' ע"א).

### 4. אויל וואס איז געלעגן אונטער א בעט

לכתחלה זאל מען נישט צינדן מיט אויל, וואס עס איז געלעגן אונטער א בעט, ווייל עס גייט ארויף א רוח רע אויף מאכלים ומשקאות וואס ליגן אונטער א בעט (ספר בן איש חי, שנה ראשונה, הלכות חנוכה סי"ב), אויב מען האט נישט אנדערע אויל קען מען מקיל זיין (אוצרות ירושלים, פרושים (עמוד כ"ו), מהגאון בעל האדר"ת זצ"ל, ושו"ת עמק התשובה (ח"ו סימן רנ"ז).

### 5. גע'גנב'עט שמן

אויב איינער האט געגנב'ט אויל אדער קנויטן פון א איד, טאר ער נישט צינדן דערמיט, בדיעבד אויב מען האט יא געצינדן דערמיט, האט מען נישט יוצא געווען און מען דארף איבער צינדן (נהר שלום סימן תרע"ג אות א').

ו

### שאלה: איינער וואס האט נישט אויל, מעג נעמען דעם חבר'ס אויל אן רשות?

**תשובה:** ווער עס האט נישט קיין אויל, טאר נישט בארגן אויל פונעם חבר אן זיין רשות, נאר ער זאל צינדן מיט פשוט'ע לעכט, אדער זאל ער יוצא זיין דאס צינדן פון א צווייטן.

אויף די פאלגענדע פעלער, מעג מען יא נעמען פונעם חבר'ס אויל אן רשות.

1] ווען מען איז זיכער, אז דער חבר איז נישט מקפיד אז מען נעמט פון זיין אויל, למשל דער חבר האט גענוג אויל צו צינדן.

2] מען איז זיכער, אז מען וועט אפגעבן פארן חבר אזוי פיל אויל וויפיל מען האט גענומען (עפי"ד המ"ב (סימן א' ס"ק ב').

3] מען נעמט נאר אזוי פיל אויל, וויפיל עס פעלט אויס צום צינדן יענע נאכט.

אויב מען איז נישט זיכער אז דער חבר איז מסכים, איז דא אן עצה אז מען זאל אפשאצן דאס ווערט פונעם אויל, און מזכה זיין דאס געלט פארן בעל הבית פונעם אויל (שו"ת בצל החכמה (ח"ו סימן קי"ח).

ז

### שאלה: עס זענען דא וואס פירן זיך, אריין צו לייגן אביסל וואסער אין די מנורה, אונטער די אויל, וואס איז דער ענין דערפון?

**תשובה:** דער ענין פון לייגן אביסל וואסער אונטער די אויל, קומט מרמז צו זיין אז די אידן וואס זענען געגליכן צו שמן זית, שטייען העכער די גוים, און אז די האבן זיך געשטארקט אויף די גוים, וואס זענען געגליכן צו שטארעמישע וואסער (כף החיים סימן תרע"א ס"ק ל"ב).

און אזוי האט זיך געפירט דער שר שלום פון בעלזא זצ"ל, און הרה"ק מהר"א פון בעלזא זצ"ל האט געזאגט דעם טעם, ווייל די תורה הקדושה איז צוגעגליכן צו וואסער, דעריבער לייגט מען אין די מנורה וואסער, מרמז צו זיין אז "נר מצוה ותורה אור".

* מען קען זאגן א טעם בדרך אגדה, עס שטייט אין ספר אמרי אמת (ח"א לחנוכה עמוד צ"ח ע"ב) אז וועגן דעם זאגט מען ביים צינדן די חנוכה ליכט "שעשה נסים" בלשון רבים, ווייל עס זענען דעמאלטס געשען נאך נסים, אזוי ווי עס שטייט אין בעל הטורים, אז עס איז זיי געשען א נס, אז אין יעדע אידישע שטוב איז באשאפן געווארן א מקוה, און בשעת מען מאכט די ברכה פארן צינדן, דארף מען אינזין אויף אויף די נס.

לויט דעם קען מען זאגן אז וועגן דעם לייגט מען אריין וואסער אין די מנורה, מרמז צו זיין אויף אויף די נס, אז עס איז באשאפן געווארן א מקוה מיט וואסער.



## מעדני התורה

לברר וללבן נושאים וענינים שונים כדרכה של תורה
מתוך השיעורים שנאמרו ע"י הרה"ג ר' **אהרן קאהן** שליט"א

המשך מאמר בענין:

# מצות קידוש החודש בזמן הזה

הלל זה שתיקן את הלוח היה י"ב או י"ג דורות אחר הלל הזקן, כי הרי רבינו הקדוש בעצמו היה כמה דורות אחר הלל הזקן, שהיה נכד בן נינו של הלל הזקן, ולערך כמאתיים שנה אחר רבינו הקדוש, היה הלל הנשיא, שהיה בן נין נינו של רבינו הקדוש, והוא תיקן את הלוח. לפי דברי הראשונים, רמב"ן בספר הזכות (גיטין יח. מדהרי"ף), היה זה בשנת ד' אלפים קי"ט.

כאמור, מדברי הרמב"ם אנו למדים, כי מדובר בתקופה סמוך לתקופתם של אביי ורבא, אז חרבה ארץ ישראל ולא יכלו לקדש בה את החודש על פי הראיה, והוצרכו להעמיד ולייסד חשבון הלוח.

## קביעת החודשים על פי החשבון על ידי יושבי ארץ ישראל בלבד

כאן אנו מגיעים לעיקר הנידון, והוא בהמשך דברי הרמב"ם (פ"ה מקידוש החודש הי"ג) הכותב: "זה שאנו מחשבין בזמן הזה כל אחד ואחד בעירו ואומרין שראש חדש יום פלוני ויום טוב ביום פלוני, לא בחשבון שלנו אנו קובעין ולא עליו אנו סומכין, שאין מעברין שנים וקובעין חדשים בחוצה לארץ, ואין אנו סומכין אלא על חשבון בני ארץ ישראל וקביעתם, וזה שאנו מחשבין לגלות הדבר בלבד הוא, כיון שאנו יודעין שעל חשבון זה הן סומכין, אנו מחשבין לידע יום שקבעו בו בני ארץ ישראל איזה יום הוא, ובקביעת בני ארץ ישראל אותו, הוא שיהיה ראש חדש או יום טוב, לא מפני חשבון שאנו מחשבין".

מחדש הרמב"ם, כי בעצם החשבון שעושים בני חוץ לארץ אין לו כל ערך, כי קידוש החודש אינו יכול להיעשות בחוץ לארץ, ולכן רק החשבון שנעשה על ידי בני ארץ ישראל, הוא הקובע את החדשים, ועל פיו נקבע סדר המועדים וראשי החודשים, ומה שבני חוץ לארץ עושים גם את החשבון, אינו אלא לידע מתי יעשו בני ארץ ישראל את החשבון, אבל פעולת קידוש החודש על ידי החשבון, אינה נעשית אלא על ידי בני ארץ ישראל.

## הלל הנשיא חישב את המולדות אך לא קידשם מעיקרא

תמצית הדבר לדעת הרמב"ם הוא, כי הלל הנשיא בתיקון הלוח, לא קידש את ראשי החודשים, אלא רק חישב את זמניהם, אבל את קידוש החודש בפועל צריכים לעשות בהגיע הזמן, ועל כן מדי חודש בחדשו צריכים לקדש את החודש על פי החשבון, ובזה לדעת הרמב"ם אין מקום אלא לבני ארץ ישראל, ולא לבני חוץ לארץ.

דעת הרמב"ם מיושבים היטב מצד ההלכה, באשר מבואר בתורת כהנים (פ' אמור פרשה י אות ד) שאין יכולים לקדש את החודש קודם יום ראש חודש, ולא לקדשו לאחר יום ראש חודש, אלא יכולים לקדשו רק ביום השלושים, ולכן לא היה כח ביד הלל לקדש את החודשים שיבואו אחר כך על פי חשבונו, ועל בני ישראל שבכל דור ודור לקדש בכל ראש חודש את החודש ולקדשו.

## דעת הרמב"ם כשאין אדם מישראל בארץ ישראל אין נוהג סדר קביעת החודשים על פי החשבון בחוץ לארץ

בספר המצות (עשה קנג) כותב הרמב"ם ככל הדברים הנזכרים, ומוסיף: "ואני אוסיף לך ביאור, אילו איפשר דרך משל שבני ארץ ישראל יעדרו מארץ ישראל, חלילה לאל מעשות זאת כי הוא הבטיח שלא ימחה אותות האומה מכל וכל, ולא יהיה שם בית דין ולא יהיה בחוצה לארץ בית דין שנסמך בארץ, הנה חשבוננו זה לא יועילנו אז כלום בשום פנים, לפי שאין לנו רשות שנחשב בחוצה לארץ ונעבר שנים ונקבע חדשים אלא בתנאים הנזכרים כמו שבארנו, כי מציון תצא תורה ודבר ה' מירושלים (ישעיהו ב, ג)".

בדבריו מבקש הרמב"ם לחדד את הדברים, כי בעצם אם לא יהא אפילו אחד מישראל בארץ ישראל, לא יועיל חשבונם של בני בבל מאומה, כי אין בכח חשבונם לקבוע על פיו ראשי חודשים ומועדים, אלא לגלות מתי הם ראשי החודשים לפי חשבונם של בני ארץ ישראל, אבל בכל שאין אחד היושב בארץ ישראל ועושה את החשבון, אין מציאות של ראש חודש בלא זה.

אגב, דברי הרמב"ם שכתב כי חלילה לא יעשה הקב"ה כן שלא יהא אפילו אחד מישראל בארץ, ומשום שהבטיחנו שלא ימחה את בני ישראל, צריכים ביאור בפני עצמם, כי מה בכך שהבטיחם שלא ימחה את האומה, מכל מקום אין בזה הבטחה שישארו בארץ, הרי יכול הוא שלא למחותם אך בד בבד להגלותם מחוץ לארץ ישראל. וכבר עמד על זה החתם סופר (יו"ד סי' רלד), ומבאר לפי דרכו, ואין כאן המקום להאריך בענין זה.

## ישיבת בני ישראל בארץ ישראל מחורבן בית שני ועד לימינו

אבל, זה ברור כי בפועל צדקו יחדו דברי הרמב"ם, כי מחורבן בית שני לא היה רגע שלא היה לכל הפחות אחד מישראל על אדמת ארץ ישראל, ואף בתקופות הקשות לעם ישראל, כמסעות הצלב ושאר תקופות השמד, מכל מקום התגוררו יהודים בארץ ישראל, ואף בתקופות בהן לא התגוררו בירושלים, היו אנשים מישראל שהתגוררו בגליל, ולדוגמא בעלמא יש לציין את הנמסר על משפחה אחת שהתגוררה בפקיעין, ולדבריהם אבותיהם ישבו בפקיעין מימי בית שני, אם כי אין הדברים מוסמכים כל עיקר. על כל פנים, הדבר ברור כי בפועל היו בארץ ישראל בכל השנים כולם בני ישראל, ועל כן היה שייך לקדש את החודש על פי ידיעה על זמני קידוש החודש בארץ ישראל, שנתקדשו על ידי אותם אנשים מישראל שהתגוררו בה.

## קושיית הרמב"ן מתקופה שלאחר חורבן בית ראשון בה לא היה

המשך בשבוע הבא אי"ה

## מאור התורה

ציצים ופרחים על עניני הפרשה

## וימאן יוסף.

### די טעם אויף די ווארט וימאן איז א שלשלת.

עס שטייט אין גמרא אין מסכת סוטה (דף לו ע"ב) אז יעקב אבינו האט זיך דעמאלסט באוויזן צו יוסף הצדיק און אים געזאגט אז די נעמען פון אלע זיינע קינדער די שבטי ק"ה גייען ווערן אויפגעשריבן אויף די שטיינער פון די אפוד, און דיין נאמען גייט אויך שטיין דארט, ווילסטו דען אז דיין נאמען זאל ווערן אויסגעמעקט פון דארט? ע"כ וואס די גמרא זאגט.

דער הייליגע שמועה טובה פון קאסאן זי"ע איז אז דאס מרמז אין פסוק, אז די שלשלת אויף די ווארט וימאן ווייזט אז מען קען דרש'ענען די ווארט וימאן דריי מאל, ו'ירא י'וסף מ'ראה א'ביו נ'גדו, ו'יאמר י'עקב מ'חשן א'תה נ'מחק, און ו'יירא י'וסף מ'לטמא א'ת נ'פשו.

דער הייליגער אור מלא זי"ע האט צוגעלייגט אויף דעם נאך א סיבה, אז שלשל"ת איז בגמטריא כתנ"ת פסי"ם, און עס שטייט אין ספה"ק (אמרי נועם, תפארת שלמה, ועוד) אז דורך די כתנת פסים וואס יעקב האט געמאכט פאר יוסף, דורך דעם איז ער ניצל געווארן פון דעם נסיון, און דורך דעם האט געקענט זיין א וימאן.

*

דער הייליגער בית אברהם פון סלאנים זי"ע, איז אמאל אנגעקומען קיין קאמעניץ, האט דער גאון בעל ברכת שמואל געבעטן פון די בחורים פון זיין ישיבה, אז היות א גרויסע חסיד'ישע רבי איז אנגעקומען אהער זאל מען אריבערגיין צו אים צו באקומען א ברכה, און אלע בחורים זענען אריבער צו אים, ווען זיי זענען אריינגעקומען צום בית אברהם פון סלאנים האט ער באמערקט ווי זיי גייען מיט האנט זייגער'ס, האט ער זיי געזאגט אז עס שטייט אין פסוק וימאן יוסף, און אויף די ווארט וימאן איז דא א שלשלת, דאס קומט צו מרמז זיין אז אויב מען האלט די זייגער אינעם וועסטל און נישט אויפ'ן האנט דעמאלסט קען מען בייקומען די יצר הרע, משא"כ ווען מען האט נישט קיין שלשלת ווי אזוי קען מען מקיים זיין דעם וימאן. ודפח"ת.

*

עס שטייט אין פסוק אז יוסף האט געזאגט "ואיך אעשה הרעה הגדולה הזאת וחטאתי לאלקים", פרעגט דער הייליגער באר מנחם זי"ע אז לכאורה וואלט געדארפט שטיין "ואחטא לאלקים" וואס דאס איז א לשון להבא, און נישט "וחטאתי" וואס דאס איז א לשון לשעבר.

נאר וואס דען, עס איז ידוע אז דער יצר הרע קומט נישט צו א מענטש גלייך אים צו זאגן אז ער זאל גיין זינדיגן מיט א הארבע עבירה, ווייל ער ווייסט אז מען גייט אים זיכער נישט פאלגן, נאר וואס דען טוט ער, ער הייבט אן מיט קליינע עבירה'לעך שאדם דש בעקיביו, און נאכדעם גייט ער צו די הארבערע און הארבערע עבירות ביז ער קען אים ברענגען צו די ערגסטע עבירות רח"ל.

דאס האט יוסף הצדיק דא געזאגט, "ואיך אעשה הרעה הגדולה הזאת", אז אויב איך האלט שוין דא צו גיין זינדיגן מיט די ערגסטע עבירות ח"ו, "וחטאתי לאלקים", מוז זיין אז איך האב שוין אדורך געפאלן מיט קליינע עבירות און מיט עבירות בשוגג, און ווענן דעם קען מען מיר יעצט צורעדן צו גרויסע עבירות.









# באור הילולא

תולדות וסיפורים מצדיקים שיודה"ל חל בשבוע הבעל"ט

## הרה"ק רבינו הסבא קדישא זי"ע

**דעם הייניטיגען שב"ק כ"ג כסלו געפאלט אויס די דריי-און-אכציגסטער יומא דהילולא קדישא פונעם הייליגער סבא קדישא זי"ע, מרן הרה"ק רבי אלימלך בן הרה"ק רבי משולם פייש זי"ע, אב"ד ור"מ דק"ק טאהש.**

### ואלה מתולדותיו:

דער הייליגער סבא קדישא זי"ע איז געבוירן געווארן אום ערב שב"ק פרשת צו – שבת הגדול י"א ניסן תרכ"ה לפ"ק.

זייענדיג א אינג קינד, האט דער סבא קדישא געליטן אויף א שווערע מחלה אויף די אויגן, און די דאקטורים האבן זיך כעמט מייאש געווען צו דאס היילן, און דאס הייליג קינד איז געליגן אין א שווערע סכנה. ווי וואונדערליך איז געווען, אז עס איז געשהן א נס פלא, און דער סבא קדישא האט באקומען א נייע חוש הראיה, און ארויס פונעם סכנה.

אינעם אינגן עלטער שוין ביי די פיר יאר, האט דער שרף צוגעשטעלט מלמדים פאר'ן אינגן רבי אלימלך'ל, ער האט געדינגען די בעסטע און חשוב'סטע מלמדים, אפילו פונעם ווייטן רוסלאנד האט ער געברענגט פאר זיין הייליג קינד א גאר געלונגענער תלמיד חכם זאל לערנען מיט אים, און אים ארויפברענגען בעולם התורה.

א פערזענליכן קשר האט דער סבא קדישא געהאט מיט זיין פאטער דער הייליגער שרף, אבער דאס האט ליידער נישט לאנג אנגעהאלטן, ווייל דער שרף איז נפטר געווארן ווען דער סבא קדישא איז געווען אכט יאר אלט.

נאכ'ן פטירה פון זיין פאטער איז דער סב"ק אויפגעצויגן געווארן ביי זיין שוואגער, דער הייליגער בני שלשים פון קאסאן זי"ע, אין ווען דער סבא קדישא איז געווען אדוק ומקושר.

ביי די זיבעצן יאר האט דער סבא קדישא מקיים געווען דעם הוי גולה למקום תורה, און געפארן לערנען צום בארימטן ישיבה אין סיגוט צום הייליגן ייטב לב זי"ע, און האט דארט ביי אים מקבל געווען תורה ועבודה, ווערענדיג פאררעכנט ווי די חשוב'סטע און באליבסטע תלמידים.

זומער תרמ"ב איז דער סבא קדישא א חתן געווארן, צו די טאכטער פון הגה"ק בעל בית יצחק מסוואליווע זי"ע, א יאר דערויף תרמ"ג איז געפראוועט געווארן די חתונה, און געוואוינט צום ערשט פאר פיר יאר אין שטאט מונקאטש ביי זיין שווער.

דער סבא קדישא האט זיך געשטעלט צום פארהער ביי גדולי הדור אויף גאנץ הוראה, און אלע פארהערער'ס האבן מפליא געווען דאס בקיאות און חריפות מיט וואס דער סב"ק האט געענטפערט זייענדיג א יונגערמאן פון צוויי און צוואנציג יאר.

ווי נאר דער סבא קדישא איז אויפגענומען געווארן אלס שטאטס רב במקום אבותיו, איז דער שטאט פארוואנדלט געווארן אין א תל תלפיות, א צענטראלער ווענדפונקט פאר צובראכענע אידן וואס זוכן א ישועה, א ארט ווי יעדער האט זיך געפינען דאס ארט ארום דעם סבא קדישא מיט זיין לעכטיגן צהלת פנים, און א רבי וואס איז באקאנט געווען אלס פועל ישועות - אזויווי דער הייליגער רבי ר' אלימלך האט צוגעזאגט פארן שרף אויב ער וועט הייסן נאך אים.

אינעם יאר בעפאר דער סבא קדישא איז נסתלק געווארן האט מען אנגעזעהן אויף אים פארשידענע שוואכקייטן, און דער סבא קדישא האט זיך געקענט אפט מאל אנרופן **"דאס הארץ שטעכט מיר פון צרות ישראל".**

# לוח היארצייטן



## יארצייטן פון רבותינו הק' ואנשי שלומינו וואס געפאלט אין די קומענדיגע וואך

### זכר צדיקים לברכה

| | | |
|---|---|---|
| כ"ג כסלו | רבינו הסבא קדישא מרן אלימלך בן רבינו משולם פייש סג"ל ומינדל זי"ע | תש"ג |
| כ"ז כסלו | הרה"ק רבי חיים בן רבי שלמה זי"ע - באר מים חיים | תקע"ח |

### זכר חסידים לברכה

| | | | |
|---|---|---|---|
| כ"ו כסלו | הרב החסיד ר' אשר לעמיל בן ר' דוד צבי ע"ה זוסמאן | תשי"ז | בארץ ישראל |
| כ"ח כסלו | הרב החסיד ר' משה יוסף בן ר' חיים ע"ה גליק<br>בעל תפלה מובהק אצל רביה"ק זי"ע במאנטריאל | תשנ"ו | ביה"ח בקרית יואל |
| כ"ח כסלו | הרב החסיד ר' יוסף בן ר' ישראל ע"ה ניימאן | תשס"ג | ביה"ח בקרית יואל |

אום מוצאי שמחת תורה האט זיך דער סבא קדישא זי"ע אנגערופן פאר די חסידים **"דאס יאר וועלן מיר האבן א לעכטיגען חנוכה"**. הערשט נאכן פטירה האבן די חסידים פארשטאנען די רייד פונעם סבא קדישא.

דער הייליגער סבא קדישא זי"ע איז נסתלק געווארן אום כ"ג כסליו אין יאר תש"ג לפ"ק, און איז געקומען למנוחת עולמים אינעם בית החיים אין שטאט טאהש, אונגארן.

## מיין רבי אלימלך'ל

איבער די געבורט פונעם סבא קדישא איז באקאנט דאס פאלגענדע מעשה. דער שרף זי"ע איז שטענדיג ארומגעפארן צו צדיקי דורו צו געהאלפן ווערן מיט א ישועה.

אין יאר תרכ"ד לפ"ק איז דער שרף געפארן קיין ליזענסק אויסצופועל'ן א ישועה, אהיימקומענדיג פונעם ציון פונעם קודש הקדשים דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע, האט דער שרף געזאגט צו די רעביצין, עס קומט אונז א מזל טוב, מ'האב מיר גע'פועל'ט א בן זכר!

דער שרף האט דאן צוגעלייגט: "דער הייליגער רבי ר' אלימלך האט מיר צוגעזאגט אז עס וועט מיר געבוירן ווערן א בן זכר, און זיין נשמה וועט זיין פון א געוואלדיגע הויכן עולם".

רביה"ק פארציילט אז ער האט דעמאלטס געזאגט **"איך בין מובטח אז ער וועט זיין א צדיק און א פועל ישועות בימיו, אזוי ווי דער רבי ר' אלימלך איז געווען א פועל ישועות בימיו, בתנאי אז איך וועל אים א נאמען געבן נאכ'ן רבי ר'** אלימלך".

טאקע ווען דאס הייליג קינד איז געבוירן געווארן למזל טוב, האט אים דער שרף א נאמען געגעבן נאכן הייליגן רבי'ן ר' אלימלך זי"ע, און ער פלעגט אים רופן "מיין רבי אלימלך'ל".

## קוק צו וויאזוי א איד ברויך זיך פירן ביינאכט

דער שרף זי"ע האט ספעציעל מייחד געווען זיין שטוב וואו ער פלעגט פראווענען די עבודת הלילה פון חצות, נעבן דעם שלאף צימער פונעם סבא קדישא, כדי דער סבא קדישא זאל צוזעהן זיין עבודת הלילה.

איינמאל האט זיך דער סבא קדישא דערוועקט אינמיטן זיין פאטער'ס עבודה, האט זיך דער שרף זי"ע אנגערופן **"מיין קינד, גיס דיר אפ די הענט, זאג ברכת התורה, און קוק צו וויאזוי א איד ברויך זיך צו פירן ביינאכט"**.

## ווער עס אונז מהנה מוז ביי אונז געהאלפן ווערן

דער סבא קדישא פלעגט אלעמאל באהאלטן זיינע מופתים וואס ער פלעגט פועל'ן, און פלעגט נישט ליב האבן די טראסק וואס מ'פלעגט מאכן ווען ער האט פאראבעט א ישועה. דעריבער פלעגט דער סבא קדישא אלעמאל זאגן **"מיר האבן זיך אויסגעבעטן ביים אויבערשטן, אז ווער עס אונז מהנה, מוז ביי אונז געהאלפן ווערן"**, און די וועלכע האבן געגעבן צדקה פאר'ן סבא קדישא האט ער גע'פועל'ט ישועות, און דער סבא קדישא האט אין דעם תולה געווען די ישועה, אז ער האט געגעבן געלט.

## דאס איז מיין שוואגער'ס בעקיטשע

דער סבא קדישא זי"ע האט געהאט אין זיין באזיץ א "סטראקעס בעקיטשע" פונעם הייליגער בני שלשים, דער סבא קדישא האט דאס געהאלטן זייער חשוב, און דאס נאר אנגעטון אין ספעציעלע זמנים, ווי אין יומא דפגרא'ס. בשעת ווען דער סבא קדישא פלעגט דאס אנטונען, האט ער געזאגט מיט געגועים **"עס איז מיין שוואגער'ס בעקיטשע"**.

## ממשיך רפואות

דער סבא קדישא האט אמאל געזאגט פאר'ן דאקטער פון טאהש, אז אויב ער געפינט נישט פאר איינעם א רפואה פאר זיין קרענק, זאל ער אים רופן, און ער וועט זיך שוין אפגעבן מיט יענע קראנקן.

* * *

מיר וועלן אויספירן דאס וואס רביה"ק זי"ע פלעגט שטענדיג צו זאגן אז **"אין די צייטן פונעם סבא קדישא איז נישט געווען נאך אזא גרויסער פועל ישועות ווי דער סבא קדישא, ער פלעגט פאר יעדעם פועל'ן א ישועה בסבר פנים יפות"**.

זאל דער אייבערשטער העלפן, אז מיר תלמידים וחסידים וואס גייען נאך זיין הייליגע אויסגעטראטענע וועג, זאלן מיר אויך נשפע ווערן בזכותו אין זיין הייליגע הילולא קדישא כל השפעות טובות, וברכות עד בלי די, אמן.

## זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן.









# המשך הלכות תפילין

מ'זאל ארומפירן די הענט ארום די גאנצע שטח פון די רצועות, צו זען אז ס'נישטא קיין חציצה.

ס'איז ראוי אז די פאות זאלן ליגן כסדרן, און נישט א חלק פון די פיאה וואס באלאנגט אראפציר זאל זיין אונטער די רצועה [1], און אזוי אויך די קאפל זאל נישט ליגן אונטער די רצועה [2].

מ'איז מהדק די תפילין דורך אריבערפירן די פינגער פוןביידע הענט אויףביידע זייטן פון די רצועה. פון די תיתורא ביזן קשר ביי די עורף און מ'דריקט דאס אראפציר.

אויב זעט מען אז די רצועה איז צו גרויס אדער צו קליין, דארף מען דאס אראפנעמען און קלענער אדער גרעסער מאכן. (א בחור פון 13 יאר איז נישט געוואוינט צו טוישן. און אויך איז נישט ראוי פאר אים, אויב ער האט נישט קיין בארד, צו אליין מאכן גרעסער אדער קלענער די רצועה דורכן קשר).

## נאכן הידוק/ברוך שם

ס'דא וואס לייגן די קאפל אויפן מעברתא [3].

אויב מ'האט נישט געמאכט די ברכה פארן קשירה אדער הידוק, קען מען מאכן שפעטער ביז ווילאנג די תפילין איז נאך אויפן גוף [4].

נאכן הידוק זאגט מען 'ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד' [5].

מ'זאל נזהר זיין נישט צו זאגן ברוך שם וכו', נאר 'נאכן' מהדק זיין דעם של ראש אויפן קאפ כראוי, ווייל אז נישט וועט זיין א הפסק צווישן די ברכה און הנחה, און ס'וועט זיין ברכתו לבטלה [6].

1 לקט יושר (עמ' 14) 'ותמיד היו שערותיו פשוטים', וראה כף החיים (סי' כז סקט"ו) דאם מגביה אותם לאו היינו רבותייהו. בית נאמן בישראל (עמ' קיד) שכן הוא בסידור תפלה לדוד (לעלוב אות א), ונראה שזהו בבחינת ענין, ועי' באשל אברהם (קמא סי' כז) שדן בזה.

2 שו"ע (סי' כז ס"ד), מ"ב (סקט"ו).

3 רבותה"ק טאהש ומסאטמאר ו זי"ע,

4 מ"ב (סי' כה סקכ"ו) דהמצוה של תפילין יש לה משך זמן כל היום.

5 רמ"א (סי' כה ס"ה). ובמג"א (סק"י) 'משום ספק ברכה לבטלה', וכן בפמ"ג (א"א סק"י), וקשו"ע (סי' י ס"ד), מ"ב (סקכ"א), וכף החיים (סק"מ).

בני עדות המזרח, וכן חלק מהאשכנזים נוהגים כדעת הפוסקים שלא לברך על תפילין של ראש, ולכן גם אינם אומרים ברוך שם כבוד מלכות לעולם ועד.

ראה מקו"ח (סק"ה) וז"ל ושמעתי גדולים אומרים בשכמל"ו קאי אהא דהקב"ה מניח תפילין שכן קבלה בידם עכ"ל, וא"כ הנוסח ברוך שם לא תקנו מטעם ספק כרכה אלא שבח והודיה להקב"ה לכבוד מלכותו שמניח תפילין, וראה גם בערוה"ש (סי"ב), ושו"ת חתן סופר (שער הטוטפות סי' ל"ה) עוד טעמים בתקנת אמירת בשכמל"ו, ובשו"ת באר משה (ח"ה סי' יב) כתב שיש לענות על ברכת חבירו כי עיקר אמירת בשכמל"ו הוא מטעמים אחרים ולא ברכה לבטלה.

6 פמ"ג (א"א סק"י), מ"ב (סי' כה סקכ"א). ועי' שו"ת באר משה (ח"ה סי' י"ב) שימשיך הברכה עד שיגמור ההידוק ואז יאמר בשכמל"ו, וכן הוא בהליכות אמרי סופר (עמ' לא) להאריך באות נון עד סוף ההידוק. ובסידור לב השמים (עמ' יד) שהגה"ק מ'קאשוי בעל ברכות שמים אמר בשכמל"ו באמצע ההידוק.

# אהלי מלכים

פסקי הלכות וואס זענען נוגע ווען מ'האט קינדער אינדערהיים

מתוך הספר שעדיין לא ראה אור הדפוס

ע"י הרה"ג ר' **יחיאל מיכל ישעי' מאסקאוויטש** שליט"א חדב"ן מו"ץ

אויב דער מברך מאכט די ברכה הויך אדער שטיל, זאל דער שומע ענטפערן אמן ווען ער הערט די ברכה [7].

אויב נאכן הידוק, פארן זאגן ברוך שם, האט מען געהערט א חבר מאכן א ברכה, זאל מען ענטפערן אמן [8].

אויב האט מען נישט געזאגט ברוך שם גלייך נאכן ענדיגן די הידוק, קען מען עס זאגן שפעטער [9].

ואם אמר קודם ההידוק, המ"ב (סקכ"א) סובר דהוי ודאי ברכה לבטלה וצריך לחזור ולברך. ובברכת הבית (שער לח סק"ב) וכן בתהלה לדוד (סק"ח) מצדדים שצריך לחזור ולברך, ונשארים בצ"ע. אכן לפמש"כ הבאה"ט (סק"ח) בשם הלכק"ט (ח"ב סי' מב) שאם הפסיק בדיבור לאחר שהגיעה הקציצה לאויר הראש קודם שנגעה בבשר, א"צ לחזור לברך, מפני שאומרים 'קלוטה כמי שהונחה', (ובשו"ת שנות חיים (סי' נח ורט) ושו"ת בית שערים (סי' כד) מצדדים ג"כ כן), א"כ ודאי שא"צ לחזור ולברך, (והמ"ב לשיטתו (ביה"ל ס"ט ד"ה ואם) שחולק על ההלכות קטנות), וכן בשלחן מלכים (סק"צ) כתב דכיון שיש מפקפקים לכן אינו חוזר ומברך. (ופלא שברוב סידורים הישנים הנדפס בדירנפורט ורעדלהיים וסידור עבודת ישראל כתבו לומר ברוך שם 'קודם' ההידוק).

אכן יש נוהגים לומר קודם ההידוק, כן מנהג וויזניץ (אוצר שיעורים שטערן עמ' שכז), ומציינים שכן המנהג בבאבוב.

ובנוגע עשיית תנאי, עי' ביה"ל (ד"ה וטוב) ש'בחדושי ר' עקיבא איגר כתב עצה שיכוון בעת ברכת להניח, אם הלכה כשיטת רש"י אני מכוון שלא לצאת בברכת להניח על השל ראש, והוי זה כסח, ויוכל לברך על של ראש, [ואין זה בכלל גורם ברכה שאינה צריכה, דהא מוכרח לעשות כן מפני ספיקא דדינא, ועוד טעמים אחדים כמו שכתב בארצות החיים] וכו' ובארצה"ח משמע גם כן שמסכים לעצה זו אך בפמ"ג ראיתי שמסיים ע"ז ואין לנהוג כן, ואולי טעמו כדי שלא ירגיל האדם את עצמו לפקפק אחר מנהגן של ישראל שנתיסד על פי שיטות הרבה מהדאשונים', ויל"ע כי האבני נזר כתב כן בנוגע ליל פסח, ועי' בתורת חיים (סקי"ד) מה שהעיר ע"ז. ובעלה לתרופה (שנדפס עפ"י הסכמת הדברי חיים מצאנז זי"ע אות ג) כתב בדין אחר, שבמקום ספק ברכה יברך בהרהור השם, וטוב להתנות אם הלכה כמאן דאמר שחייב לברך ואז יהי' הרהור כדיבור, ואם הלכה כמ"ד דפטור מלברך אז לא יהי' ההרהור כדיבור, ומועיל תנאי זה פעם אחת על כל ימי חייו, לצאת בק"ש של עכשיו רק בק"ש עם הברכות שאח"ב ואם לאו אני יוצא בק"ש של עכשיו, ובמשנה אחרונה (למ"ב סי' כה אות פא מביא בשם החזו"א שיתכן שנכון הדבר שאפשר להתנות פעם אחת על כל ימי חייו.

7 שו"ת האלף לך שלמה (או"ח סי' נז), ארחות חיים (ספינקא סי' כה סק"ח), מסגרת השלחן (על קיצשו"ע סי' י ס"ד בסק"ח), מאסף לכל המחנות (סקנ"ו), שלחן מלכים (סקצ"ג), ביה"ל (סי' רטו ד"ה אסור), ובשו"ת באר משה (ח"ה סי' יב).

8 מצות תפילין (להשל"ה עמ' קמח בהערות).

9 אשל אברהם (קמא), (אבל בשו"ת מהר"ח אור זרוע (סוס"י קכט) שאין להפסיק, וצריך לאומרו מיד סמוך להברכה), ורביה"ק זי"ע נהג לומר ברוך שם דוקא אחר נט"י.

אבל יש שנהגו שלא לומר ברוך שם כבוד מלכותו, וכן הוא בשלחן הטהור (סי' כה ס"ד) 'ולא יאמר בשכמל"ו', ובזר זהב (סק"ג), וכן מצדד באות חיים ושלום (סקי"א), ונראה שכן הוא דעת השועה"ר (סכ"ג, ובסידור הל' תפילין), וחיי"א (כלל יג ס"ג) שהשמיטו בכלל אמירת בשכמל"ו.

## נאך ברוך שם
## שלשול הרצועות

נאכן זאגן ברוך שם וכו' זענען דא וואס (געבן א קוש פאר די תפילין של יד, און דערנאך לייגן צוריק די קליינע בית'ל אויפן תפילין של יד, און מ'שלעפט אראפ די ערמל, אז די תפילין של יד זאל זיין צוגעדעקט [10]. (אויב מ'פירט זיך נישט, עס צו טון גלייך נאכן של יד).

ס'דא וואס לייגן אויך צוריק די האנט אין די רעקל, כדי צו דאווענען בדרך כבוד, אנגעטון אינגאנצן ווי ס'פאסט [11]. אבער רביה"ק זי"ע האט זיך געפירט עס צו לאזן אזוי א גאנץ דאווענען [12].

נאכן ענדיגן לייגן די תפילין דארף מען בודק זיין צו די תפילין ליגט אויף די ריכטיגע פלאץ; א) די תפילין איז אינמיטן שטערן צווישן די אויגן; ב) ס'קומט נישט אראפציר פון די האר; ג) די קשר פון תפילין ליגט העכער די גריבל פון די גענאק; ד) ס'איז אינמיטן פונעם הינטערן קאפ און נישט זייטיג.

נאכן הידוק פון של ראש [13], איז מען משלשל די רצועות פון פארנט [14], די וואס קומט אראפ פון די רעכטע זייט, לייגט מען צו רעכטס, און די אנדערע צו לינקס [15].

10 עי' רמ"א (סי' כז סי"א), ובמ"ב (סקי"ז), ובשע"ת (סקי"ז).

11 כף החיים (סי' צא סקכ"ו), ובספר דרך צדיקים (הנהגות הרה"ק מקאלאשין אות נח), ובזכור לאברהם (תולדות אהרן), אבל המעולם מקילים בזה, וכתב בית נאמן בישראל (עמ' קכט) דנראה דס"ל שאין זה נחשב לגנאי כלל, כיון שעושין כן לצורך התפילין.

12 הליכות הלוי (עמ' קיג).

13 מנהג סקווירא. עי' כף החיים (סי' כה סקס"ט), ושכן הוא במשנת חסידים (פ"ג מהנח"ת אות ט) עפ"י סוד גדול.

14 שו"ע (סי' כז סי"א), והטעם כתב בספר הכוזרי (מאמר ג) 'החסיד מייחד מחשבתו וכוונתו לאמונה באלקים ע"י דברים מעשיים הפועלים פעולה מוחשית על נפש האדם, נושא את התפילין על הראש מקום המחשבה והזכרון, ומשלשל משם רצועה המגיע על ידו כדי שיראהו כל שעה ושעה'.

15 העיטור (הל' תפילין שער ראשון דף נח:) 'מחזיר רצועות מלפניו אחד מימין ואחד משמאל'. ובמ"ב (סקל"ח) 'אחר הנחת תש"ר על ראשו מסדר הרצועות שתהינה תלויות מלפניו הימנית לימינו והשמאלית לשמאלו כשצידן השחור כלפי חוץ.

שו"ע (סי' כ"ז סי"א ) 'ישלשל הרצועות שיהי' תלויים לפניו ויגיעו עד הטבור או למעלה ממנו מעט', וכן העתיק בשועה"ר (ס"כ).

ובמ"ב (סי' כז סקמ"א) מביא שני דיעות 'ועי' רעק"א וארצוה"ח דמסקי דשל ימין עד הטבור ושל שמאל עד החזה וכו', וי"א דשל ימין עד המילה ושל שמאל עד הטבור' וא"ר (סי' כ"ז סק"ה) העתיק שני השיטות ושלקבלת כו"ע צריך שימין יהי' ארוך משמאל, ובמנורת המאור (אות קכח) ובמטה משה (עמ' שעב) כתבו הטעם 'וגם אמרו שיהא מגיעות רצועות הראש עד טבורו שהוא אמצעית גופו של אדם, לרמוז שהשפעת עולם השכל במצות בוראו באה עד טבור העולם, לאפוקי מלבן של אומרים שהשגחת המשגיח מגעת עד גלגל הלבנה ולא יותר'.

מ"ב (סי' כז סק"מ) 'ואם הוסיף ע"ז לית לן בה'. ולהלן (בסקמ"ד) דבדיעבד אם יש באורך כל אחת מהן שתי טפחים מן הקשר ולהלן, יניח בברכה, ואם לאו, יניח תפילין של ראש בלא ברכה.

## קרבן עולה ויורד על שבועת ביטוי

וּכְשֶׁעוֹבֵר אָדָם עַל שְׁבוּעַת בִּטּוּי בִּשְׁגָגָה,[1] חַיָּב קָרְבָּן כְּמוֹ הַקָּרְבָּן שֶׁחַיָּב מְטַמֵּא מִקְדָּשׁ וְקָדָשָׁיו.

אֵלּוּ הֵן כָּל הַקָּרְבָּנוֹת שֶׁחַיָּב בָּהֶן יָחִיד כְּשֶׁעוֹבֵר עֲבֵרָה בְּפֹעַל אוֹ בְּמִבְטָא,[2] כְּמוֹ שֶׁחִלַּקְנוּ בָּזֶה הַחֵלֶק.[3]

## קרבן על טומאת גופו

וְהַחֵלֶק הַשֵּׁנִי, שֶׁיִּתְחַיֵּב קָרְבָּן עַל עִנְיָן מֵהָעִנְיָנִין שֶׁהֵם בּוֹ בְּעַצְמוֹ. וְהוּא שֶׁיִּהְיֶה זָב, אוֹ מְצֹרָע, אוֹ נִטְמָא בְּמֵת אִם הוּא נָזִיר. וְאֵין הֶפְרֵשׁ בֵּין שֶׁנִּטְמָא בְּשׁוֹגֵג אוֹ בְּמֵזִיד. וּמִן הַחֵלֶק הַזֶּה גַּם כֵּן נִדָּה[4] וְיוֹלֶדֶת.

## קרבן זב או זבה

וְהַקָּרְבָּן שֶׁחַיָּב הַזָּב וְהַזָּבָה כְּשֶׁנִּטְהֲרָה הוּא:

שְׁתֵּי תֹרִים אוֹ שְׁנֵי בְּנֵי יוֹנָה, אֶחָד עוֹלָה וְאֶחָד חַטָּאת.

## קרבן יולדת

וְקָרְבַּן יוֹלֶדֶת הוּא:

- כֶּבֶשׂ בֶּן שְׁנָתוֹ לְעֹלָה.
- וּבֶן יוֹנָה אוֹ תֹר לְחַטָּאת.

וְאִם הִיא עֲנִיָּה, מַקְרֶבֶת:

- שְׁנֵי תוֹרִים אוֹ שְׁנֵי בְּנֵי יוֹנָה, אֶחָד לְעֹלָה וְאֶחָד לְחַטָּאת.

## קרבן נזיר טמא

וְקָרְבַּן נָזִיר כְּשֶׁנִּטְמָא הוּא:

- שְׁתֵּי תוֹרִים אוֹ שְׁנֵי בְּנֵי יוֹנָה, אֶחָד לְעוֹלָה וְאֶחָד לְחַטָּאת.

[1] שבועה שאדם נשבע שיעשה או שעשה איזה דבר ונמצא משקר.

[2] במעשה או בדיבור.

[3] לסיכום: חטאת קבועה מביא על שגגתן של 31 מצוות לא תעשה שיש בהן כרת. אם היתה החטא עבודה זרה תהיה לעולם שעירה, ואם היה משאר 30 כריתות תלוי מי החוטא: הדיוט מביא כבשה או שעירה, מלך מביא שעיר, וכהן משיח מביא פר.
קרבן עולה ויורד מביא על ארבעה חטאים: 1) טומאת מקדש שוגג. 2) טומאת קדשים שוגג. 3) שבועת העדות בין שוגג בין מזיד. 4) שבועת ביטוי שוגג.
אשם ודאי מביא על שלש עבירות: 1) אשם גזילות בין שוגג בין מזיד. 2) אשם מעילות שוגג. 3) אשם שפחה חרופה בין שוגג בין מזיד.
אשם תלוי מביא על 31 כריתות שעבר בשוגג, אבל על טומאת מקדש ועל טומאת קדשים אינו מביא. ועל שלש כריתות שבתורה אינו מביא קרבן לעולם: 1) ביטול פסח. 2) ביטול מילה. 3) מגדף.

[4] היינו זבה, אשה הרואה דם שלשה ימים בלא עת נדתה, שצריכה לספור שבעה נקיים ולהביא קרבן.

- וְכֶבֶשׂ בֶּן שְׁנָתוֹ לְאָשָׁם.

## קרבן מצורע

וְקָרְבַּן מְצֹרָע הוּא:

- שְׁנֵי כְּבָשִׂים, אֶחָד לְאָשָׁם וְהוּא הַנִּקְרָא אֲשַׁם מְצֹרָע, וְאֶחָד לְעוֹלָה.
- וְכַבְשָׂה אַחַת לְחַטָּאת.

וְאִם הָיָה עָנִי מַקְרִיב:

- שְׁנֵי תוֹרִים אוֹ שְׁנֵי בְּנֵי יוֹנָה, אֶחָד לְחַטָּאת וְאֶחָד לְעֹלָה.
- וְכֶבֶשׂ לְאָשָׁם.

## קרבן גר שנתגייר

וְהַגֵּר אֵינוֹ נִכְנָס לְגַמְרֵי בְּדָת לִהְיוֹת בִּכְלָל כְּיִשְׂרָאֵל אֶלָּא בִּשְׁלֹשָׁה דְּבָרִים: מִילָה, וּטְבִילָה, וְהַרְצָאַת קָרְבָּן. כְּמוֹ שֶׁעָשׂוּ יִשְׂרָאֵל גַּם כֵּן כְּשֶׁנִּכְנְסוּ בַּדָּת הַזֹּאת, שֶׁמָּל אוֹתָם הַנָּבִיא בְּמִצְרַיִם כְּשֶׁקָּבַע לָהֶן תוֹרַת קָרְבַּן פֶּסַח וְצִוָּה שֶׁלֹּא יֹאכַל מִמֶּנּוּ עָרֵל בְּאָמְרוֹ וְכָל עָרֵל לֹא יֹאכַל בּוֹ, וְטָבְלוּ בַּמִּדְבָּר קֹדֶם מַתַּן תּוֹרָה,[5] וְהִקְרִיבוּ עוֹלוֹת וּשְׁלָמִים שֶׁנֶּאֱמַר וַיִּשְׁלַח אֶת נַעֲרֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַיַּעֲלוּ עֹלֹת [וַיִּזְבְּחוּ זְבָחִים שְׁלָמִים], וְאָז נִתְּנָה לָהֶן הַתּוֹרָה.

וְהַקָּרְבָּן שֶׁמַּקְרִיב הַגֵּר הוּא:

- שְׁנֵי תוֹרִים אוֹ שְׁנֵי בְּנֵי יוֹנָה, שְׁנֵיהֶן עוֹלוֹת.

וְרֶמֶז לָזֶה מַה שֶּׁאָמַר רַחֲמָנָא בְּפָרָשַׁת שְׁלַח לְךָ, וְכִי יָגוּר אִתְּכֶם גֵּר אוֹ אֲשֶׁר בְּתוֹכְכֶם לְדֹרֹתֵיכֶם וְעָשָׂה וגו'. וְכָתַב בְּסִפְרֵי: "מָה יִשְׂרָאֵל לֹא בָּאוּ לִבְרִית אֶלָּא בִּשְׁלֹשָׁה דְּבָרִים מִילָה וּטְבִילָה וְהַרְצָאַת קָרְבָּן, אַף הַגֵּרִים כַּיּוֹצֵא בָּהֶן. אִי מָה יִשְׂרָאֵל בְּדָם עֹלָה וּזְבָחִים שְׁלָמִים אַף הַגֵּרִים כֵּן? תַּלְמוּד לוֹמַר וְעָשָׂה אִשֵּׁה. אָמַרְתָּ צֵא וּלְמַד אֵיזֶהוּ מִן הַדָּמִים שֶׁכֻּלָּהּ עוֹלָה לְאִשִּׁים וְאֵין לְךָ מִמֶּנּוּ הֶתֵּר, אִי אַתָּה מוֹצֵא אֶלָּא עוֹלַת הָעוֹף." רוֹצֶה לוֹמַר שֶׁאֵינְךָ מוֹצֵא נְכָסִים שֶׁיִּקְּחוּ בָּהֶן קָרְבָּן וְאֵין נֶהֱנִין בְּשׁוּם דָּבָר מִדְּמֵיהֶן אֶלָּא שׂוֹרְפִין הַכֹּל עַל גַּבֵּי הַמִּזְבֵּחַ זוּלָתִי עוֹלַת הָעוֹף בִּלְבַד, לְפִי שֶׁעוֹלַת הַבְּהֵמָה עוֹרָהּ לַכֹּהֲנִים.

[5] בגמרא (כריתות ט, א) יליף מן הפסוקים שנימולו ישראל וטבלו קודם מתן תורה.

וְסוֹף הַמַּאֲמָר: "לְהָבִיא פְּרֵדָה אַחַת[6] אִי אֶפְשָׁר, שֶׁלֹּא מָצִינוּ פְּרֵדָה קְרֵבָה בְּכָל הַתּוֹרָה. מִכָּאן אָמְרוּ כָּל הַקִּנִּין שֶׁבַּתּוֹרָה חֶצְיָהּ עוֹלוֹת, חוּץ מִשֶּׁל גֵּר שֶׁכֻּלָּהּ כָּלִיל לְאִשִּׁים."

וּבְתוֹסֶפְתָּא דִּכְרִיתוֹת נֶאֱמַר: "הֵבִיא עוֹלַת בְּהֵמָה לַכִּפּוּרִים יָצָא, מְנָחוֹת וּנְסָכִים לֹא יָצָא. לֹא אָמְרוּ כֵּן אֶלָּא לְהָקֵל עָלָיו."[7]

## קרבנות שחייב על נכסיו

וְהַחֵלֶק הַשְּׁלִישִׁי, שֶׁיִּתְחַיֵּב קָרְבָּן עַל אֵיזֶה עִנְיָן שֶׁיִּהְיֶה בִּנְכָסָיו. וְזֶהוּ הַבְּכוֹר וּמַעְשַׂר בְּהֵמָה.

וּשְׁנֵיהֶן דּוֹמִין לִשְׁלָמִים, אֶלָּא שֶׁמַּעֲשֵׂר בְּהֵמָה אוֹכְלִין אוֹתוֹ בְּעָלִים בִּירוּשָׁלַיִם כְּמוֹ מַעֲשֵׂר שֵׁנִי. וְהַבְּכוֹר אִם הָיָה תָּמִים מַקְרִיבִין אוֹתוֹ וְאוֹכְלִים אוֹתוֹ הַכֹּהֲנִים, כְּמוֹ שֶׁיִּתְבָּאֵר בְּמַסֶּכֶת בְּכוֹרוֹת.

וְכֵן אִם יָבִיא בִּכּוּרִים יַקְרִיב שְׁלָמִים, כְּמוֹ שֶׁנִּתְבָּאֵר בַּפֶּרֶק הַשֵּׁנִי מִבִּכּוּרִים.[8]

## קרבנות שחייב היחיד ברגל

וְהַחֵלֶק הָרְבִיעִי, שֶׁיִּתְחַיֵּב בְּקָרְבָּן בְּהַגִּיעַ זְמַן יָדוּעַ, וְאוֹתוֹ הַזְּמַן הוּא שָׁלֹשׁ רְגָלִים, שֶׁכָּל אֶחָד וְאֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל חַיָּב בָּרֶגֶל:

- קָרְבַּן עוֹלָה, וְהוּא הַנִּקְרָא עוֹלַת רְאִיָּה.[9]

וְקָרְבַּן שְׁלָמִים, וְהִיא הַנִּקְרֵאת חֲגִיגָה, וְעָלָיו אָמַר הַכָּתוּב תָּחֹג לַה' אֱלֹהֶיךָ.

וְקָרְבַּן שְׁלָמִים שְׁנִיִּים מִלְּבַד הַחֲגִיגָה, וְהוּא הַנִּקְרָא שַׁלְמֵי שִׂמְחָה, וְעָלָיו הוּא אוֹמֵר וְשָׂמַחְתָּ בְּחַגֶּךָ.[10]

וּכְבָר זָכַרְנוּ דִּינֵי אֵלּוּ הַשְּׁלֹשָׁה קָרְבָּנוֹת בְּרִבּוּי וּמִעוּט[11] וּמִי הַחַיָּב בָּהֶם וְאֵיךְ יִתְחַיֵּב בָּהֶן וּזְמַן הַקְרָבָתָן בָּרִאשׁוֹן וּבַשֵּׁנִי מֵחֲגִיגָה. וְהֵן כֻּלָּן חוֹבָה, רְצוֹנִי לוֹמַר הָרְאִיָּה, וְהַחֲגִיגָה, וְהַשִּׂמְחָה.

[6] להקריב עוף אחד בלבד.

[7] כלומר אף שקרבן גר יכול להיות שני עופות, אין זה רק להקל עליו, אבל יכול להביא במקומם גם עולת בהמה אחת. אולם במנחה, שהוא קרבן דלי דלים, לא יצא.

[8] אדם שמביא ביכורים מביא עמהם קרבן שלמים, והוא נסמך על מה שנאמר בו ושמחת בכל הטוב.

[9] ועל זה נאמר ולא יֵראו פני ריקם.

[10] שלמי חגיגה ושלמי שמחה מביא מאיזו בהמה שירצה, ככל קרבן שלמים. ועולת ראיה לגירסתינו בגמרא (חגיגה ז, א) צריך להיות בהמה – זכר מן הבקר או מן הצאן. אבל להרמב"ם (הלכות חגיגה א, א) יכול להיות גם מן העוף, וראה שם בכ"מ.

[11] כלומר הדמים שישוו אלו הקרבנות. ומבואר שם שאין להם שיעור למעלה ("ריבוי"), אבל צריך שהעולת ראיה ישוה לפחות ("מיעוט") מעה כסף והחגיגה שתי מעה כסף, ושלמי שמחה אין להם שיעור.

בס"ד

טאהש

# קהלות ומוסדות טאהש

נתייסדה ע"י כ"ק מרן רבינו הקדוש זי"ע • בנשיאות כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א

בארא פארק - וויליאמסבורג - מאנסי - קרית יואל

## והדליקו נרות בחצרות קדשך

ברגשי שמחה וחדוה עילאה הננו מודיעים

לכל אנ"ש תושבי ניו יארק יצ"ו

שלרגל השמחה במעון הקודש למז"ט

# ידליק כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א נר ב' דחנוכה

## בליל ב' פר' מקץ הבעל"ט

## באולם עטרת חי' שרה

106 S Madison Ave, Spring Valley, NY 10977

**בשעה 8:30 בערב בדיוק**

אחר הזמירות שירות ותשבחות יתקיים בעז"ה

**שמחת תנאים**

**ומעמד חלוקת מטבעות**

הָרַחֲמָן, הוּא יַעֲשֶׂה לָנוּ נִסִּים וְנִפְלָאוֹת, כְּמוֹ שֶׁעָשָׂה נִסִּים לַאֲבוֹתֵינוּ, בַּיָּמִים הָהֵם בִּזְמַן הַזֶּה:

בס"ד

# קהלות ומוסדות טאהש

נתיסדה ע"י כ"ק מרן רבינו הקדוש זי"ע • בנשיאות כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א

בארא פארק - וויליאמסבורג - מאנסי - קרית יואל

# סדרי ופרטי

## מעמד הדלקת נר ב' דחנוכה תשפ"ו
## ע"י כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א

ושמחת התנאים • באולם עטרת חי' שרה • מאנסי יצ"ו

### פתיחת שערים:

דער זאל וועט געעפענט ווערן 8:00 בערב.

### הופעת רבינו שליט"א:

דער רבי וועט בעז"ה ערשיינען אין זאל בשעה 8:30 בדיוק.

ביטע זיך נישט שטיפן צו געבן שלום, אדער איבערגעבן א הזכרה. כדי דער מעמד הדלקה זאל זיך אנהייבן בזמן. יעדער איינער וועט אי"ה קענען דורכגיין דעם רבי'ן ביים מעמד "חלוקת מטבעות".

### איש על מחנהו:

מ'זאל צולאזן די רבנים דיינים, ואדמורי"ם שליט"א צום אויבן אן. די זקני נכבדי וחשובי העדה איז צוגעגרייט זיך צו זעצן ביי די ספעציעלע צוגעגרייטע טישן.

### פארענטשעס:

די בחורים און אברכים ווערן געבעטן צו שטיין אויף די פארענטשעס, כדי דער ציבור זאלן קענען געהעריג מיטהאלטן דעם מעמד.

### בחורי ישיבותינו הק' נ"י:

פאר בחורי ישיבה גדולה תורת משולם פייש, און בחורי ישיבה קטנה תפארת משולם פייש איז ספעציעל דעזיגנירט געווארן פלעצער אויף די פארענטשעס.

### זמירות שירות ותשבחות:

נאכן רבינ'ס צינדן וועט דער ציבור ממשיך זיין מיט די חנוכה זמירות, אין די באגלייטונג פון מקהלות המנגנים בחצרות קדשינו.

### בנבל וכינור יזמרו לו:

דערנאך וועט פארקומען די "קאפעליע" כנהוג בחצרות קדשינו.

### קינדער:

מ'בעט זייער אז די עלטערן זאלן האלטן די תשב"ר נעבן זיך, כדי ס'זאל הערשן ארדענונג, און יעדער זאל קענען מיטהאלטן דאס צינדן.

### טעימה קלה:

לכבוד די שמחת בית צדיקים ווערט צוגעשטעלט בע"ה טעימה קלה ומזונות פארן ציבור.

### שמחת התנאים:

נאך די קאפעליע וועט פארקומען דער שמחת התנאים. דער ציבור ווערט געבעטן צו בלייבן אויף די פלעצער, כדי יעדער זאל קענען מיטהאלטן.

### חלוקת מטבעות:

נאכן תנאים וועט יעדער האבן די געלעגנהייט צו אדורכגיין כ"ק רבינו שליט"א און באקומען מטבעות לכבוד חנוכה.

ביטע אויספאלגן די אנווייזונגען פון די עסקנים. מען וועט דורכגיין לויטן סדר פון די פלעצער וויאזוי מען איז געזיצן בשעת די מעמד.

עס איז דא בעז"ה גענוג מטבעות, יעדער וועט קענען דורכגיין, ביטע נישט שטיפן און זיך האלטן רואיג ווי לאנג ס'קומט די רייע צו גיין.

### בגדי שבת:

כנהוג בחצרות קדשינו וועלן אנ"ש קומען אנגעטון מיט שטריימעל בעקיטשע לכבוד היום. ס'איז ראטזאם צו לאזן די שטריימעל באקס אין די קאר.

### נשים:

די ארייננגאנג פאר די נשים צדקניות איז די געהעריגע פרויען ארייננגאנג פון זאל.

### פארקינג:

עס איז צוגעשטעלט גענוג פארקינג פאר יעדעם. מ'זאל פארקן אין די דעזיגנירטע פארקינג לאט נעבן די זאל און אויך אקעגן איבער. פארענט פון זאל איז רעזערווירט פאר רבנים וזקני העדה.

### מיטנעמען אנדערע:

די וועלכע האבן פלאץ אין זייער קאר, איז ראטזאם מיטצונעמען נאך פאסאזשירן וועלכע ווילן מיטהאלטן, ואהבת לרעך כמוך.

ויה"ר אז מיר זאלן אלע פועל'ן אלעס גוטס און די השפעות הקדושה און סגולות נרות חנוכה זאל אונז שטענדיג באלייכטן און באגלייטן, ומשמחה זו ישפע שפע רב, וזכותא דרבינו הקדוש זצוקללה"ה יגן עלינו ובעדינו שימלא ה' כל משאלות לבינו לטובה ובזכות נר חנוכה תחכמינו באור תורתיך אנו וזרענו וזרע זרענו עד עולם.

הָרַחֲמָן, הוּא יַעֲשֶׂה לָנוּ נִסִּים וְנִפְלָאוֹת, כְּמוֹ שֶׁעָשָׂה נִסִּים לַאֲבוֹתֵינוּ, בַּיָּמִים הָהֵם בִּזְמַן הַזֶּה:

### רעדן אין ביהמ"ד בשעת די ציבור זאגט פסוקי דזמרה

ס'שטייט אין שו"ע (או"ח סי' קכ"ד סעיף ז') לא ישיח שיחת חולין בשעה ששליח ציבור חוזר התפילה ואם שח הוא חוטא, וגדול עונו מנשוא, וגוערים בו.

אין אידיש: מ'טאר נישט רעדן ביי הויעך שמונה עשרה, און איינער וואס רעדט ח"ו איז א בעל עבירה, און זיין עבירה איז שרעקליך גרויס אומדערטרעגליך, און מ'דארף אים אנשרייען אז ער זאל זיין שטיל.

דער הייליגער מהר"ם שיק האט געזאגט "אין ד' חלקי שו"ע טרעפט מען נישט אזא הארבע לשון ווי ווען איינער רעדט ביים דאווענען, גדול עונו מנשוא וגוערין בו".

# באור התפילה

נכתב ע"י ועד מורא מקדש דקהל אור החיים דטאהש

דארף מען פארשטיין וואס איז טאקע אזוי הארב צו רעדן ביים דאווענען?

איז די הייליגע תניא מסביר (שו"ע הרב שם סעיף י') אז דער טעם שטייט אין זוהר הק', דער זוהר הק' זאגט ווער עס רעדט אין ביהמ"ד ווען דער ציבור איז עוסק צו לויבן דעם אייבערשטן ווייזט ער אז ער האט נישט קיין חלק באלקי ישראל.

זאגן די פוסקים אז פון דא זעהט מען אז דער הארבער איסור פון רעדן ביים דאווענען איז לאו דוקא ביי הויעך שמונה עשרה, וויבאלד די הארבקייט איז אז אידן לויבן דעם אייבערשטן און ער רעדט דעמאלטס, איז דא די הארבע איסור נישט קיין חילוק ווי מ'האלט ביים דאווענען, אויב האט זיך די ציבור געשטעלט דאווענען איז אסור צו רעדן ביז מ'ענדיגט.

און די הייליגע תניא (אגרת הקודש אות כ"ד) רעדט אויך ארום די חומר הדבר פון רעדן בשעת די ציבור דאוונט, און ער האט גוזר געווען א חרם אויף זיינע תלמידים אז איינער וואס רעדט במזיד בשעת די ציבור דאוונט דארף זיך אראפזעצן אויף די ערד און בעטן דריי אידן זאל אים מתיר זיין די חרם, ושב ורפא לו.

(ספר קדוש היכלך)







קהלות ומוסדות טאהש
צדיק בא לעיר
כבוד קדושת מרן רבינו עטרת ראשינו שליט"א
לרגל שהשמחה במעון קדשו
ליל ב' דחנוכה הדלקת הנרות
בשעה 8:30 בדיוק
ואח"כ שמחת התנאים
בת בנו הגה"צ אב"ד קהלתינו
במאנסי שליט"א
באולם עטרת חי' שרה - מאנסי
יהא בואו לברכה והצלחה ולהרמת קרן התורה והחסידות
הנהלת הקהלות והמוסדות - ניו יארק


קהלות ומוסדות טאהש
הננו בזה להזמין את אנשי שלומינו החשובים לבוא ולשמוח ביחד אתנו
שמחת התנאים
של נכדת כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א
בת בנו הגה"צ רבי חיים יחיאל אלתר סג"ל שליט"א
הרב מנשה שליט"א
בן הגה"צ רבי חיים אורי' כהנא שליט"א
ונכד הגה"צ רבי זלמן לייב פילאפף שליט"א
שתתקיים בעזהשי"ת
ביום ב' פ' מקץ, נר ב' דחנוכה
באולם עטרת חי' שרה
106 S Madison Ave, Spring Valley, NY 10977
שמחו בה' וגילו צדיקים והרנינו כל ישרי לב


שמחו בה' וגילו צדיקים
הגה"צ רבי
חיים סג"ל
שליט"א
ר"מ בישיבתינו הקדושה
ואב"ד קהלתינו הק' במאנסי
לרגל שמחת אירוסי בתו
למזל טוב ובסימנא טבא
כבוד קדושת מרן רבינו שליט"א
הנהלת הישיבה - צוות הישיבה
תלמידי הישיבה
ישיבה קטנה תפארת משולם פייש ד'טאהש
ישיבה קטנה תפארת משולם פייש ד'טאהש


תלמוד תורה טאהש
קול רנה וישועה באהלי צדיקים
הגה"צ אבדק"ק
שליט"א
ראש וועד הרוחני דמוסדותינו
שמחת אירוסי בתו למזל טוב
כבוד קדושת מרן רבינו שליט"א
הנהלת המוסדות

איבערצושיקן אייער בריוו
שיקט א בריוו אויף פאסט 11 Van Buren Dr. #305 Monroe, NY 10950
שיקט א פעקס 877.760.0544
לאזט א מעסידזש אויף קול איחוד 718.451.8674 Ext. 841

## דארף מען לערנען זאכן וואס זענען נישט נוגע בכלל היינטיגע צייטן?

א גוטן כבוד מערכת באור החיים. איך האב זיך קודם געוואלט באדאנקן פארן נייעם מאמר אינעם גליון, די פסקי הלכות די הקדמה פונעם רמב"ם אויף הל' זבחים. עס איז באקאנט אז דער רמב"ם איז דער איינציגסטער פוסק וואס שרייבט הלכות פסוקות אויף א געהעריגן אופן, אפי' ס'איז ממש נישט נוגע אויף היינטיגע צייטן. און ווען מ'וויל זעהן די דינים והלכות וואס וועט זיין נוגע ווען משיח וועט קומען, איז טאקע די רמב"ם דער איינציגער ארט דערפאר.

עס איז אינטערעסאנט צוצוברענגען א גמ' וואס מען לערנט יעצט במסגרת חבורת מזון הנפש, אין מס' זבחים דף מ"ד ע"ב אונטן, די גמ' זאגט דארטן אז ווען מ'לערנט הלכות וואס זענען נישט נוגע איז עס א בחינה פון דרוש וקבל שכר, ווייל אפי' ס'איז נישט נוגע דארף מען עס נאכאלץ דורכטוהן. מ'זעהט די גמ' טוט דארטן דורך אן הלכה, און די גמ' פסקנט הלכה למעשה, פרעגט דארט די גמ' איז ס'איז טאקע דרוש וקבל שכר, אבער פסקנן דארף מען אבער נישט.

עכ"פ זעהט מען פון דעם, אז אפי' לימודים והלכות וואס זענען נישט נוגע היינטיגע צייטן, איז עס א גרויסע ענין צו לערנען דערין.

אחד מלומדי מס' זבחים במס' חבורת מזון הנפש, פה ברוקלין

## א תוספת נופך פון די גריס פון קהלתינו הק' אין מאנסי

לכבודן מפעל איחוד טאהש.

איך האב געליינט אין באור החיים (אין די אפטיילונג מאנ"ש לאנ"ש) וועגן בית מדרשינו מאנסי. וויל איך צולייגן א תוספת נופך משלי...

אלס א אינגערמאן וואס האט חתונה געהאט קיין מאנסי נישט צו סאך יארן צוריק. וויל איך ארויסברענגען בשער בת רבים די גוואלדיגע פרישקייט וואס הערשט דא מיטן נייעם ביהמ"ד, און מיטן נייעם התחדשות בקרב קהלתינו הק'.

גראדע נאך פאר מיין חתונה האב איך געהערט אז ערגעצוואו איז דא א טאהשע בית מדרש'ל אין שטאט, אבער איך האב קודם נישט צו אסאך צוגעלייגט בכלל קאפ אדער מחשבה צו דעם דירעקציע, צו קומען מיטהאלטן בבית מדרשינו, סיי צוליב וואס איך וואוינט נישט גאנץ נאנט, ווער ס'קען מאנסי ווייסט וואס 'נישט נאנט' מיינט... און אוודאי דארף מען נישט מאריך זיין אין די שווערקייטן פון די פארצויגענע והיה ראשיתך מצער בקרב קהלתינו הק' אין מאנסי וואס איך האב שוין מיט די צייט געהערט פון אסאך "אז מ'גייט בויען"...

אבער ווען נישט לאנג צוריק האב איך באקומען א פרעזענליכע טעלעפאן קאל פונעם רב הגה"צ ר' חיים שליט"א, האט זיך די גאנצע זאך געטוישט. "מגייט בויען" האט טאקע נישט קיין שיעור ווי גרויס און סאך מ'קען בויען. אבער איך האב אנגעפאנגען צוצוזעהן "ווי מ'בויעט". ביז מ'האט טאקע בעפאר די הייליגע טעג געמאכט דעם מא"וו, און די גאנצע קהילה האט אנגעפאנגען צו באקומען א נייע פנים חדשות.

ניין. איך וואוין נאך נישט נענטער צום בית המדרש (ביזדערווייל). אבער איך האב צוביסלעך אנגעפאנגען באקומען א קשר צו דעם פלאץ. היינט ווען איך פיל אז עפעס פעלט מיר טיף אין מיר, ווייס איך שוין אז עס פעלט פשוט א טשארדזש, דעם טאהשע לכו נרננה, די ווארימע לעכטיגע של"ש תורה פון הגה"צ אב"ד שליט"א, וואס דאס געבט פשוט לופט צו אטעמען.

אין אינדערוואכן קען איך שוין זיכער נישט האבן קיין תירוץ, ווען אינעם לעכטיגן היכל הביהמ"ד טרעפן זיך חברים מקשיבים, פארברענגענדיג די פריע נאכט שעות מיט היימישע פנימער, ברוחניות ובגשמיות. איך האלט מיט ווי רבי חיים פרעגט זיך נאך כסדר ביי די אינגעלייט וויאזוי עס גייט די טאג און די וואך און די חודש, און ער גיבט אריין חיזוק מ'זאל טאקע מיטהאלטן מער אין ביהמ"ד. און זייט איך האב טאקע אנגעהויבן קומען מער אין ביהמ"ד בייגאכט פיל איך זיך טאקע ווי א טאהשע אינגערמאן.

און דא איז טאקע די פלאץ זיך צו באדאנקן פארן מערכת האיחוד פארן ספעציעלן פעקעדזש וואס איך האב באקומען נאך די חתונה, וואס איך קען זאגן אז דאס האט אויך צוגעגעבן א שטארקע שטופ צו מיין חיות...

און אז מ'רעדט שוין. לעצטנ'ס הער איך אויך אויס אסאך די של"ש תורה פון מרן רבינו שליט"א, און איך האלט מיט נאך אסאך גוטע זאכן דורך קול איחוד און מתאחדות יעדע וואך. יעדער איז נהנה דערפון, סיי ווער עס דרייט זיך אין אונזערע בתי מדרשים, און אויך פאר די וואס מ'זעהט זיי ווייניגער ביזדערווייל, דאס איז א מיטל צו מאכן די התקשרות נאך שטערקער, ואחריו ישגה מאוד.

הצלחה רבה א.א.

## דריי כיתות פער יארגאנג בתלמוד תורה אין קריתינו הק'

אלס באמערקונג צו די בריוו לעצטנס אינעם מדור מאנ"ש לאנ"ש, ווי מ'דארף פארלייגן כוחות צו האלטן די כיתות אין מוסדות התורה מעט בכמות ורב באיכות, וויל איך דערציילן די פריידיגע מציאות דא אין טאהש, ווען היי יאר איז שוין צוגעלייגט געווארן א דריטע כיתה צו די יארגאנג פון כיתה ב', און ווי אויך א פערטע כיתה צו די נורסערי יונגסטע יארגאנג אין חדר. איך ווייס נישט וויאזוי דאס טאקע געקענט באווייזן ארייננצושטופן נאך כיתות אינעם עקזעסטירנדן בנין התלמוד תורה, איך האב געזעהן אז פאר איין כיתה האט מען אראפגעציפט א חלק פונעם היכל הביהמ"ד של הת"ת, אבער יעדער האפט אז מ'וועט ווי שנעלער גיין צו די פאקטישע ארבעט צו אויפבויען א נייעם בנין, און מ'קוקט ארויס אז די נייעס א צייט צוריק איבער די פלענער פון א נייעם בנין זאל ווי שנעלער צושטאנד קומען, און ס'זאל טאקע זיין א הרחבת הדעת פאר די תלמידי הת"ת.

הצלחה רבה, מ.י. פה קרית טאהש

## גרויסקייט פון תהלים שבת אינדערפרי

אל כבוד תלמידי וחסידי רבה"ק זי"ע ועכ"י,

עס ליגט נאך גוט אין ביינער ווי רביה"ק זי"ע פלעג זיך בעטן בתחנונים מידי שבת בשבתו נאכן שלחן הטהור, **"למען ה', יעדער זאל קומען צו תהלים"**. דער הייליגער רבי האט פארלאנגט מיט א שטארק בעטנדע שטימע מיט א גרויסע ערענסטקייט, עס איז אים געגאנגען בנפשו אז יעדע תלמיד זאל מיטהאלטן דאס תהלים פון אנהייב ביז'ן סוף, ווייל ער האט געוואוסט וואס עס איז וויכטיג פאר אונזער עקזיסטענטס, פאר אונזער נשמה, פאר אונזער תיקון הנפש.

מעהן זעהט אינעם ספר "עבודת עבודה" ווי רבינו הק' רעדט פון דעם תהלים שבת צופרי מיט אזא קאך מיט אזא השתפכות הנפש, די חשיבות פון זאגן תהלים שבת צופרי, ער ברענגט נאך פון הרה"ק ר' מרדכי מטשערנאביל זצוק"ל אז ער האט געהערט פון "אלי-הו הנביא" די גרויסקייט דערפון.

וואלט זיך לכאורה פארלאנגט אז יעדער וואס טוט זיך אינדענטיפעצירן אלץ א תלמיד פון אונזער הייליגע רבי און וויל האבן א שייכות מיט נשמתו הטהורה, זיך משתדל זיין ווי ווייט מעגליך ממלא צו זיין רצונו און מיטהאלטן די תהלים שבת צופרי מתחילה ועד סוף, און אויב איינער קען נישט מיטהאלטן גאנץ תהלים, זאל כאטש מיט האלטן א חלק כפי יכלתו.

רבינו הק' האט אויך געוואלט אז דאס זאגן תהלים זאל זיין "דוקא אין זיין בהמ"ד", ווי ידידינו הנאמן ר' י"א פלאהר הי"ו פארציילט אז ער האט געפרעגט דעם רבי'ן אויב ער זאל זאגן תהלים אין בית מדרשינו וואס איז בשעתו נאך נישט געווען קיין מנין ביי תהלים, אדער ענדערש ערגעץ אנדערש מיט מנין, האט די רבי געענטפערט **"ענדערש זאגן אין מיין ביהמ"ד ביחידות"**. דאס זאגט אונז די חשיבות פון זאגן תהלים דוקא אין זיין בהמ"ד.

ע"כ חבירי' וידידי' נתאמץ ונתחזק לקיים ולמלאה רצונו הטהורה למענינו ולמען דורותינו!

אחד מתלמידי רביהקוה"ט זי"ע ועכי"א












# במקהלות

נייעס, באריכטן און אנטוויקלונגען, אינערהאלב
**קהילותינו ומוסדותינו הקדושים**
צווישן מקהלת אנשי שלומינו ברחבי תבל

ישיבה גדולה אור החיים בקריתינו הק׳:

## סדר הישיבה גייט ווייטער אן טראץ די שווערע פייער בבנין הישיבה

בעת די אנגעצויגענע מאמענטן ווען עס האט אויסגעבראכן די שרעקליכע שריפה בבנין ביהמ"ד הגדול ובנין הישיבה גדולה, זענען די תלמידי הישיבה געווען געצווינגען זאפארט צו פארלאזן די בנין

הישיבה, מיטנעמענדיג מיט זיך בלויז די תפילין בייטלעך פון היכל הביהמ"ד. די תלמידי הישיבה האלטענדיג אינמיטן די חבורות ליל שישי יעדע כתה באזונדער, האט מען זיך אינאיינעם צוזאמגענומען אינעם שטוב פון המשפיע הרה"ג רבי אלימלך סג"ל לאווען שליט"א צו ממשיך זיין בניגוני דביקות והכנה לשב"ק.

אין די קורצע פארנומענע צייט האבן די געטרייע הנהלת הישיבה מסדר געווען די תלמידים וועלכע וואוינען נישט אין שטעטל, אז יעדער איינער זאל האבן ווי איבערצושלאפן די נאכט, און מיט א הארץ פול מיט חסד האבן עטליכע חשוב'ע משפחות מאנשי שלומינו אריינגענומען אינעם בחפץ לב די תלמידי הישיבה. און אויף שב"ק האט מען שוין געהעריג מסדר געווען אלע תלמידי הישיבה אין די חדרי השינה בבנין ישיבה קטנה.

אין די יעצטיגע טעג - ביז מען האפט בקרוב צו קענען זיך צוריק אריינצוזעצן אינעם בנין הישיבה - האט מען צוגעשטעלט די אונטערשטע שטאק פונעם בנין ישיבה קטנה #14, אלס א פולשטענדיגע היכל הישיבה מיט באזונדערע כתות כדי שלא יבוטל התמיד, און טראץ די אומשטענדן נישט זייענדיג אינעם געוועהנליכן סיסטעם, גייען אן די סדרי הישיבה מיט א מורא'דיגע פלייס, ווי די בחורים הארעווען על התורה ועל העבודה, און עס דערקענט זיך ממש נישט קיין שינוים אינעם סדר הישיבה. טראץ דעם וואס די שריפה האט טאקע אפגעקאסט שווערע שאדנ'ס פאר'ן בנין היבהמ"ד, שטעלט זיך אבער ארויס די שטארקע סייעתא דשמיא, אז עס האט ב"ה נישט פאסירט קיין שום פאקטישע שאדן פאר די חפצים אין היכל ישיבה און אין די ארומיגע כתות, בלויז די גערוך פונעם פייער וואס וועט האפענטליך אוועקגיין בקרב הימים.

אין די זעלבע צייט דארף מען אפגעבן א הערצליכן יישר כח פאר אלע עסקנים ומסייעים, סיי פאר די מכניסי אורחים וועלכע האבן אריינגענומען די תלמידים בעת מען האט זיך נישט געקענט דרייען אינעם שטח המוסדות, און סיי פאר די וועלכע האבן צוגעהאלפן אז מען זאל קענען ווייטער ממשיך זיין מיט די סדרי הישיבה אן קיין שום שטער.

איחוד טאהש - בלב אחד:

## איך וויל עס באצאלן, ווייל איך האב הנאה פון עס!

אין די יעצטיגע ערב ימי החנוכה טעג האט זיך שוין אנגעהויבן די פיבערדיגע ארבעט פון די געטרייע עסקנים צום יערליכן בלב אחד מעמבערשיפ דרייוו לטובת די ברייט באקאנטע מפעל הכביר 'איחוד תלמידי וחסידי טאהש' אין אירע ווייטגרייכענדע פעולות.

'איחוד טאהש' איז שוין היינט ברייט באקאנט צווישן אנ"ש בפרט, די אויסטערלישע ארבעט שפירט זיך אין יעדן ווינקל און די כוחות פון די געטרייע עסקנים שיינט ארויס ביי יעדע פעולה, ווען ביי די עסקנים איז נישט שייך קיין גבול ווען עס קומט צו צושטעלן סיי וועלכע סערוויסעס להנאת אנשי שלומינו פון אומעטום, ווי די כסדר'דיגע פעולות זענען דאס אליינס מעיד לשם ותפארת. אנגעהויבן פון די הערליכע גליון באור החיים, להתאחד בחורי אנ"ש, קול איחוד טאהש, חברה ש"ס, חבורות עבודת עבודה, מתאחדת בלעטל, טעלעפאון ביכל, פרנסה ביחד, און פיל נאך.

די היי יעריגע 'בלב אחד' מעמבערשיפ דרייוו איז שוין ב"ה אריין אין קראפט, די עסקנים האבן שוין אין די טעג אנגעהויבן ארומצורופן אנשי שלומינו צו אויפטרייבן די נויטיגע סכומים, צו קענען אנגיין מיט די עבודת הקודש במשך דעם גאנצן יאר, אן דארפן ווערן אפגעהאלטן פון די גוואלדיגע פעולות צוליב א מאנגל אין די קאסע.

די ווארימקייט ביים ציבור איז באמת צום באוואונדערן, וואו די עסקנים ווערן אויפגענומען בסבר פנים יפות און די ציבור קומט אנטקעגן די עסקנים ביד רחבה וברוח נדיבה, ווי יעדער שפירט פאר א זכי' ארויסצוהעלפן די געטרייע עסקנים צו קענען ווייטער אנגיין מיט די עבודת הקודש.

*

באזונדער ווערט מיט גרויס פרייד געמאלדן מטעם הנהלת האיחוד,

אז אין די יעצטיגע טעג איז ארויס פון דרוק די שפאגל נייע הערליכע ספר "וואס איז די הלכה", צוזאמגענומען די רייכע מאמרים "ביאור הלכה" פון הגאון הגדול דומ"ץ דקריתינו הק' שליט"א, די לעצטע 5 יאר אינעם הערליכן גליון באור החיים, הערליך שיין באארבעט, הלכות שבת, בדרך שאלות ותשובות.

די נייע ספר וועט בעז"ה פארטיילט ווערן אלץ מתן שכרו בצדו פאר יעדער איחוד מעמבער, ביים יעצטיגן 'בלב אחד' מעמבערשיפ דרייוו, אין צוגאב צו די גאר ווערדפולע און נוצבארע דיסקאונט'ס קארטלעך ביי פילע געשעפטן פון אנ"ש, וואס במשך דעם יאר באקומען די איחוד מעמבער'ס צוריק פיל מער פון וויפיל מען האט איינגעצאלט.

ווי די הנהלת האיחוד געבט איבער זענען היי יאר ארויפגעקומען אויפן טיש נאך פלענער פון פרישע סערוויסעס, וועלכע האלט שוין אינמיטן געברענגט ווערן מכח אל הפועל, און די הנהלת האיחוד נויטיגט זיך אין גרעסערע געלטער דאס צו קענען ברענגען לידי מעשה, די פרישע סערוויס אנטשפרעכן צו ברענגען א ריכטיגע תועלת און א אמת'דיגע הנאה פאר יעדעם איינעם, און וועט בעז"ה פארעפנטליך ווערן ווי נאר עס ווערט אינגאנצן געדעקט מטעם 'די קאסע פון איחוד'.

אנשי שלומינו פון איבעראל קומען ארויס מיט א "פאראייניגטע הארץ", און שליסן זיך אן מיט גרעסערע נתינות "בלב אחד", ארויסצוווייזן די הכרת הטוב פאר די געטרייע עסקנים וועלכע סערווירן די ציבור במשך די גאנצע יאר, און מיט דעם געבן די מעגליכקייט אויסצוברייטערן די פעולות און מרבה זיין פעלים לתורה ולחסידות להנאת אנשי שלומינו.

די עסקנים וועלן בעז"ה ארומגיין בבתי מדרשינו במשך די ימי החנוכה, דינסטאג אין מיטוואך מקץ אין בארא פארק, דאנערשטאג און פרייטאג אין קרית יואל, און אין קריתינו הקדושה זונטאג און מאנטאג ויגש, אזוי אויך זונטאג נאכט ליל זאת חנוכה ביים הדלקת הנרות פון מרן רבינו שליט"א.

פון אנדערע שטעט וועלן די עסקנים רופן דורכן טעלעפאון, טאמער האט מען זיך נאכנישט פארבינדן מיט אייך, קענט איר נאך מקדים זיין די עסקנים בבחינת טרם יקראו ואני אענה, רופט אריין אויף קול איחוד טאהש, און געבט איבער אייער ווארימע נדבה ביים דרוקן 15 פון די מעין מעניו.

איך וויל עס באצאלן, ווייל איך האב הנאה פון עס!

קהלתינו הק' מאנסי:

# יחדשהו עלינו לטובה ולברכה!

**כולם נקבצו באו לך!** דעם מוצאי שבת קודש פרשת וישב, כ"ג כסלו הבעל"ט, וועט פארקומען אין מאנסי א מעמד מרומם "יחדשהו", סעודת מלוה דמלכה וחנוכת הבית רבתי, משולב מיטן סעודת הילולא קדישא לרגל יומדהל"ק של רבינו הסבא קדישא מרן רבי אלימלך בן מרן משולם פייש זיעועכ"י, ווי אנ"ש תושבי מאנסי וועלן פייערן דעם חנוכת בנין החדש דבית מדרשינו, און אפצייכענען די פרעכטיגע התחדשות והתרחבות קהלתינו הקדושה, און אינאיינעם פארברענגען און זיך הייבן אין א געשמאקע ברידערליכע אטמאספערע, הנה מה טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד.

די גרויסארטיגן מעמד יחדשהו וועט דינען אלס חנוכת הבית ואבן הפינה להתחדשות קהלתינו, ווי באריכטעט אין די לעצטע תקופה איז געעפנט געווארן א פרישע עפאכע צום אויפבליה פון קהל עדתינו "טאהש" אינערהאלב די שטאט "מאנסי", מיט א פנים חדשות לרומם ולהדר ולאחד תלמידים וחסידים, ולרומם קרן התורה ועבודת עבודה, ווען דורכאויס די לעצטערע חדשים האט די נייע הנהלת הביהמ"ד אינוועסטירט אומגעהויערע כוחות, בדמים תרתי משמע, לאזנדיג אין גאנג א דראמאטישע פראיעקט וואס האט אריינגעצויגן אין איבער $250,000, אהערשטעלנדיג דעם נייעם גרעסערן און באקוועמען פלאץ לתועלת המתפללים ולומדים, לבוא אל הנחלה ואל המנוחה, און אין די זעלבע צייט שפאנענדיג פאראויס מיט אלע צרכי הציבור און אקטיוויטעטן ברוחניות ובגשמיות, לשם ולתפארת ולתהלה, וואס דערהייטערט יעדן און שאפט א העכסט-געוואונטשענע הרחבה ומנוחה לכל באי בית ה'.

**ממנו יתד וממנו פינה!** דער יעצטיגער דערגרייכונג פונדאמענטירט אונזער וויטערדיגער עתיד, ווען א דאנק דעם וואס מען איז ב"ה יעצט מסודר און אוועקגעשטעלט אויף א שטאנדהאפטיגן פארנעם, פלאסטערט עס אויס די וועג צו קענען טראכטן פאראויס מיט א ברייטערע וויזיע, איבער די גרעסערע פלענער וועגנטועל לנצח על מלאכת בית ה', צום אויפבוי פונעם פיר-שטאקיגן בנין ביהמ"ד הגדול והחדש לשם ולתפארת, וואס פארשפרעכט צו זיין א פראכט פאר טאהש אלוועלטליך.

**מה נורא המקום הזה!** קהלתינו הק' אין שטאט איז ב"ה פארוואנדלט געווארן אלס דער צענטער-פונקט פון אנ"ש בעיר מאנסי יצ"ו, אהערגעשטעלט און צוגערישט מיט אלע שפרודלדיגע געברויכן און סערוויסעס אויפ'ן שענסטן אופן, אריינגערעכנט: געהויבענע ווארימע תפילות בשבתות ומועדים, הערליכער היכל לתורה ועבודה, מניני תפילה, מערערע שיעורי תורה לרבים, פילע פריוואטע חברותות, רייכע אוצר הספרים, גייסטרייכע מאורעות ומסיבות ווי יאצ"ט סעודות ויומי דפגרא, הערליכע צרכי צדקה וחסד ווי קופת גמ"ח, קופת קמחא דפסחא, מצות און ד' מינים פאר צוגענגליכע פרייזן וכדו', וועכנטליכע געשמאקע פראגראמען פאר די תשב"ר, ווצב"ש חברת תהלים, שלש סעודות, אבות ובנים, ועוד ועוד כי רבים הם, ווערנדיג אזוי געניט אנגעפירט דורכ'ן חשוב'ן מורה דרך ומשפיע הרה"צ רבי חיים שליט"א אב"ד דקהלתינו הק', בן כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א, וואס איז מאציל מהודו און איז איבערגעגעבן בכל נימי לב ונפש פאר'ן הצלחת הכלל והפרט צו יעדן'ס צופרידנהייט ב"ה. כי היא בית חיינו!

יעדער טאהשער חסיד און תלמיד וואס איז אדוק ומקושר מיט'ן הייליגן רבי'ן זיעועכ"י און יבלחט"א ממשיך דרכו בקודש כ"ק מרן רבינו שליט"א, שפירט ווי דא איז זיין פלאץ, דא איז זיין מקור החיות, דא איז זיין צווייטע-היים, אשר מבאר ההוא ישקו, פון דא שעפן מיר חיות און מזון לנפשינו, דא אטעמען מיר אריין אונזער הייליגע אטמאספערע מיט וואס מיר זענען אויפגעוואקסן געווארן, דא זענען מיר ממשיך ווייטער אונזער גייסט און טאהשער פלאם, דא האדעווען מיר אויף אונזערע דורות בדרך אבותינו ורבותינו הק', עד ביאת גואלינו.

**אַתְקִינוּ סְעוּדָתָא דְמַלְכָּא:** א רייכע פראגראם איז צוגעגרייט געווארן לשעות עונג וקורת רוח במשך דעם מעמד. א הערליכע און געשמאקע סעודה רחבה וחמין במוצ"ש וועט זיין צוגעגרייט כשלחן ערוך ומוכן פאר אלע משתתפים. אלס נואם הכבוד וועט אויפטרעטן הרב הגאון פה מפיק מרגליות דומ"ץ דקהלתינו קרית יואל שליט"א, ווי ער וועט האלטן געשפאנט דעם ציבור מיט א מייסטערהאפטיגע דרשה לרגל שמחת חנוכת הבית, און משלב זיין מיט טרעפליכע דיבורים בסיפורים נפלאים במשנתו של בעל ההילולא זי"ע. אלס דבר הביהמ"ד וועט אויפטרעטן הרה"ג ר' יוסף צבי ליעבערמאן שליט"א מבעסערמין, בנועם אמריו וועט ער מיט א געשמאק אראפלייגן די השתלשלות הרחבת גבולי הקדושה, בעבר, בהוה,




ובעתיד בעזה"י לרומם קרנינו למעלה.

ביי דער געלעגנהייט וועלן מיר אויך האבן די זכי' ארויסצוצייגן אונזער ברידערליכע אחריות און באשטייערן אונזער איינמאליגער השתתפות פאר'ן אויפבליה פון אונזער ווינקל, מיט'ן סכום פון מינימום 100$ א חודש (סך הכל 1,200$ במשך כל השנה), צו העלפן אויסצאלן די ריזיגע קאסטן פון

דעם גרעסערן אונטערנעמונג בהעמדת יסוד אדיר ובסיס להרמת אהלינו, עלינו ועל דורותינו. רייכע מתנות איז צוגעגרייט פאר אלע משתתפים, א הערליכע אנטיק לעדערנע חנוכת הבית, הערליכע קאסטום פרעזענטפולע מטבע קודש לשמירה ברכה והצלחה, נר שעוה ושמן זית זך משיורי קודש של הדלקת נר חנוכה מכ"ק מרן רביה"ק זי"ע.

**תתחדש טאהש מאנסי! ברוך שהחיינו והגיענו, כי עתה הרחיב ה' לנו! אז אגמור בשיר מזמור!**




קהלתינו הק' קרית יואל:

# אנ"ש תושבי קר"י פרייען זיך מיט די שמחה אין שטוב פון הרה"ג הדומ"ץ שליט"א

פאראנגענעם מאנטאג וישלח העעל"ט האבן זיך אנ"ש מתפללי ולומדי בית מדרשינו קרית יואל זיך מיטגעפרייט ביי די שמחת החתונה פון החתן בן הרב הגאון דומ"ץ דקהלתינו הק' קרית יואל שליט"א, אין די זאלן פון עטרת חי' שרה אין מאנסי, און באשיינט די חתונה מיט א באזונדערע רינג פון אנ"ש. ספעציעל האט זיך אויך אנגעזעהן א עקסטערע בא'חנ'טע רינג פון תלמידי ישיבה גדולה תורת משולם פייש ניו יארק, וועלכע זענען ספעציעל ארויסגעקומען לכבוד די שמחה פונעם מגיד שיעור הרה"ג דער דיין שליט"א.

מוצש"ק איז פארגעקומען א ספעציעלע שבע ברכות מטעם קהלתינו הק', בהיכל בית מדרשינו אין קרית יואל, ווי עס איז געווען צוגעגרייט א רייכע סעודת מלוה מלכה, במשכ'ן סעודה האט אויפגעטרעטן מיט פאסיגע ווערטער הרה"ג ר' שלמה יעקב הערמאן שליט"א אב"ד ביהמ"ד אהל בתי', דערנאך האט מען געהערט דברי בדחנות לכבוד שמחת חתן פון הרב שלום אליעזר דים שליט"א, וועלכע האט אויך פארציילט עובדות וסיפורים פון רבינו הקדוש זי"ע, פון די יארן ווען זיין פאטער ע"ה האט געוואוינט אין מאנטריאל, און איז געווען פון די מתפללים הקבועים בבית מדרשינו בשנים קדמוניות.

דערנאך האט מען געהערט די פערל ווערטער פון הרב הגאון דער דיין שליט"א, וועלכע האט אויך געבענטשט על הכוס, מיט די שבע ברכות זענען מכובד געווארן זקני וחשובי אנ"ש, הרה"ח ר' וואלף גאלדענבערג הי"ו, הרה"ח ר' וואלף בראווער הי"ו, הרה"ח ר' יעקב שלמה גרינוואלד הי"ו, הרה"ח ר' נתן גאנדל הי"ו, און דער משמש נאמן מוה"ר יצחק שמואל פויגעל הי"ו, ברכה אחריתי דער מחותן הרה"ג ר' יואל דייטש שליט"א.

דערנאך האט מען זיך ארויסגעלאזט אין פרייליכע ריקודין א לענגערע צייט.



# בצל הקודש

מהנעשה והנשמע בביתו נאוה קודש
של כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א

וישב - תשפ"ו לפ"ק

## דינסטאג פר' וישלח

אינדערפרי איז פארגעקומען די תפלין לייגן פאר הבחור הבר מצוה בן הרה"ג ר' יונה פישער שליט"א מו"ץ בקריתינו הק', ור"מ בישיבה גדולה אור החיים. דער רבי האט געגעבן ווארימע דברי הדרכה, און נאכן תפלין לייגן אנגעוואונטשן ברכת קדשו פארן בר מצוה בחור און די עלטערן, און געגעבן במתנה די ספרי הקודש עבודת עבודה.

## מיטוואך פר' וישלח

ביינאכט האבן זיך אנשי שלומינו מיטגעפרייד בשמחת בית צדיקים, ביי די שמחת החתונה בבית הרה"צ רבי אברהם יודא סג"ל שליט"א, בנו יקירו פון רבינו שליט"א, עב"ג החתן הרב אלימלך שליט"א, בן הרה"צ רבי יושע בעריש לאנדא שליט"א, בן אב"ד עדעלין קערעסטיר שליט"א, וחתן האדמו"ר מ'זוטשקא קאראקאס שליט"א, אין די זאלן פון בית צירל אין קריתינו הקדושה.

דער רבי איז ערשינען צום קבלת פנים פארנאכטס, מען האט געזינגען ווארימע ניגוני התעוררות א לענגערע צייט, דערנאך האט אויפגעטרעטן מיט הארציגע חרוזים הרב מרדכי דוד עסטרייכער הי"ו, און ארויסגעברענגט די גרויסקייט פון די יעצטיגע זמן, און אויסגערעכנט די זכות אבות ורבותינו הקדושים וועלכע קומען אראפ צו די גרויסע שמחה.

דער רבי האט מסדר געווען די כתובה, געטרינקן לחיים, און ווארעם אנגעוואונטשן פאר כל העם הנאספים ברכות והשפעות טובות, דערנאך איז מען ארויס צום באדעקן די כלה, דער רבי האט אנגעטון די קיטל פארן חתן און געלייגט די אש אויפן שטערן און געבענטשט די חתן, דערנאך ארויס צום חופה.

מען האט א לענגערע צייט געזינגען די הייליגע ניגונים המקובלים, אהבה רבה און רחמים רבים און נאך, דער רבי האט מסדר קידושין געווען, און מיט כתיבה ליינען איז מכובד געווארן כ"ק אדמו"ר מ'האדאס שליט"א, מיט די ערשטע זעקס ברכות איז מכובד געווארן אב"ד עדעלין קערעסטיר שליט"א, ברכה אחריתא אדמו"ר מ'זוטשקא קאראקאס שליט"א. די עדי כתובה זענען געווען הרה"ח ר' אלי' שפיטצער הי"ו און הרה"ח ר' יצחק שמעון אסטרייכער הי"ו. עדי יחוד זענען געווען הרה"ח ר' הערש אלימלך שווארץ הי"ו און מוה"ר יחיאל אלתר גוטמאן הי"ו.

תיכף דערנאך האט מען זיך ארויסגעלאזט אין געהויבענע ריקודין, בשירה ובזמרה בתופים ובמחולות. און דער ציבור איז אריבער צום ביהמ"ד הגדול, ווי עס איז געווען צוגעגרייט א רייכע סעודה פאר כל הקהל הקודש. און די מקהלת המנגנים דחצרות קדשינו האבן אנגעפירט מיט די ניגונים לכבוד די שמחה.

ווען דער רבי איז ערשינען צום סעודת החתונה האט מען זיך ארויסגעלאזט אין געהויבענע ריקודין. דער רבי האט זיך געוואשן צום סעודה, טועם געווען פון די פיש, געטרינקן און געוואונטשן לחיים. בשעת די חתן איז ערשינען האט זיך דער רבי ארויסגעלאזט אין א געהויבענע טאנץ, בעת די גאנצע ציבור פריידט זיך מיט אין די לופטן אויף די הויעכשטאקיגע פארענטשעס פון מזרח און מעריב זייט, דערנאך האט זיך פארמירט א שיינע טאנץ מיט די מחותנים און זיידע'ס שליט"א, ספעציעל איז ארויסגעקומען לכבוד די שמחה כ"ק אדמו"ר מ'וויזניץ מאנטריאל שליט"א, און הגה"צ גאב"ד סאטמאר מאנטריאל שליט"א, הגה"צ ראב"ד סקווירא שליט"א, און נאך. דערנאך האט מען ממשיך געווען מיט געהויבענע ריקודין אינעם חלל הביהמ"ד כל הקהל הקודש, א לענגערע צייט.

מיט ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען חתנו הגה"צ רבי מרדכי אברהם גינזבערג שליט"א חדב"ן. מיט די שבע ברכות זענען מכובד געווארן הרה"ג ר' ישראל משה מאשקאוויטש שליט"א ר"י אור משה, הרה"ג ר' ישעי' סג"ל קרויס שליט"א מנהל בת"ת, הרב אליעזר יחזקאל שרגא לאנדא שליט"א, הרב אהרן יודא גראס שליט"א, הרב נחמן לויפער שליט"א, הגה"צ אב"ד קהלתינו הק' מאנסי שליט"א, ברכה אחריתא הרב ר' שמואל גרשון גראד שליט"א פון לאנדאן.

דאן האט דער בדחנא דמלכא הרב יוסף מאיר הערשקאוויטש שליט"א מנהל בית צירל געטומען דאס ווארט, און אויפגערופן מיט פאסיגע חרוזים מרן רבינו שליט"א צום מצוה טאנץ, זייענדיג מעורר די זכות אבותינו ורבותינו הקדושים למעלה בקודש, אראפצוברענגען פאר אונז אלע השפעות טובות אין יעדע הינזיכט ווי מען דארף געהאלפן ווערן, בכל משאלות לבנו לטובה, וינועו אמות הסיפים ווען דער רבי האט אפגעראכטן די עבודת הקודש כיצד מרקדין לפני הכלה, זייענדיג משפיע פאר אונז אלע ברכות און ישועות, רפואות און השפעות, ביז מען וועט שוין זוכה זיין צום פרוק ית ענך מפום אריותא, ואפיק ית עמך מגו גלותא,

עמד די בחרות מכל אמיא.

בערך 12:00 איז זיך דער ציבור צוגאנגען מיט געהויבענע געמיטער אנגעפילט מיט השפעות טובות עד בלי די.

## דאנערשטאג פר' וישלח

ביינאכט האט זיך דער רבי משתתף געווען ביים שמחת השבע ברכות אין די זאלן פון בית צירל, ווי עס האט זיך אנטוויקעלט א שיינע שמועס מיט הגה"צ רבי יעקב אלי' אונסדארפער שליט"א אב"ד ראשית חכמה.

דער רבי האט געטרינקן און געווינטשן לחיים, און ווארימע ברכות פארן חתן און מחותנים און זיידע'ס ובני המשפחה.

## שבת קודש פר' וישלח

פארן זמן הדהל"נ איז דער רבי ערשינען אין די זאלן פון בית צירל, נאך די שריפה אשר שרף ה' בבנין ביהמ"ד הגדול דאנערשטאג נאכט, דער רבי האט געצינדן די ליכט ביים עמוד און די נרות שבת, און געזאגט שיר השירים אינאיינעם מיט תלמידי ישיבה גדולה.

דער רבי איז צוגעגאנגען צו מנחה און קבלת שבת. נאכן דאווענען איז דער ציבור אריבער וואונטשן 'א גוט שבת'.

◆

ביים שלחן הטהור מיטן סעודת שבת שבע ברכות לכבוד די שמחה בבית רבינו שליט"א, אינאיינעם מיט תלמידי ישיבה גדולה ואורחים החשובים, באולם בית צירל, איז מכובד געווארן מיט הגבהת הכוס צו קידוש החתן הרב אלימלך לאנדא שליט"א.

מיט די זמירות זענען מכובד געווארן: הגאון הגדול הדומ"ץ שליט"א, הרב אליעזר יחזקאל לאנדא שליט"א פון מאנסי, הרב יואל לוי לאנדא שליט"א פון מאנסי, הרב משה יוסף לאנדא שליט"א פון קרית יואל, הרב ברוך יואל קרויס שליט"א פון אנטווערפן, הרב מרדכי קרויס שליט"א פון קרית יואל.

דער רבי האט פארגעלערנט בספה"ק נועם אלימלך, און דערנאך ממשיך געווען בדברות קודש.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הגה"צ אב"ד עדעלין שליט"א, שיר המעלות הב' אלימלך (בריא"ש) סג"ל קרויס ני"ו תלמיד ישיבה גדולה. מיט די שבע ברכות זענען מכובד געווארן: דער מחותן הרב יושע בעריש לאנדא שליט"א, הגה"צ רבי יואל יחיאל קאהן שליט"א חדב"ן ומו"ץ, הגה"צ אב"ד קהלתינו הק' מאנסי שליט"א, הרה"ג ר' חיים ברוך יודא לייפער שליט"א, ברכה אחריתא כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א. נאכן בענטשן האט זיך דער רבי ארויס געלאזט אין א געהויבענע טאנץ מיטן חתן און דערנאך מיט די מחותנים ובני משפחה.

שבת נותנים הרה"ג ר' יונה פישער שליט"א מו"ץ בקריתינו הק' ור"מ בישיבה גדולה. נאכן טיש האבן די בחורים אהיימבאגלייט און נאכגעזאגט דברי תורה אויפן וועג.

◆

שבת אינדערפרי האט דער רבי פארגעזאגט ספר תהלים ביים עמוד כנהוג, צו פסוקי דזמרה און שחרית איז צוגעגאנגען הרה"ג ר' חיים ברוך יודא לייפער שליט"א.

די עליות האבן עולה געווען: כהן כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, לוי הרה"ח ר' פנחס ארי' סג"ל קרויס הי"ו, שלישי הרה"ג ר' חיים ברוך יודא לייפער שליט"א, רביעי אדמו"ר מ'זוטשקא קאראקאס שליט"א, חמישי החתן הרב אלימלך לאנדא שליט"א, ששי אב"ד עדעלין קערעסטיר שליט"א, שביעי הרה"ח ר' שמואל גרשון גראד הי"ו פון לאנדאן, אחרון רבינו שליט"א.

פאר מפטיר האט דער רבי געמאכט די מי שברך לחולי ישראל. מפטיר האט עולה געווען הרה"ח ר' חיים פנחס צוויבל הי"ו לרגל די יארצייט פון זיין טאטע ע"ה. גלילה מוה"ר אברהם ברוין הי"ו פון לאנדאן.

צו תפילת מוסף איז צוגעגאנגען הרה"ח ר' חיים פנחס צוויבל הי"ו. פתיחה צו אנעים זמירות הרב אליעזר יחזקאל שרגא לאנדא שליט"א פון מאנסי.

◆

קורץ נאכן דאווענען איז דער רבי אריינגעקומען צום שלחן הטהור, אינאיינעם מיט די תלמידי ישיבה גדולה ואורחים החשובים, מיט הגבהת הכוס צו קידוש איז מכובד געווארן הב' יחזקאל אונגאר ני"ו תלמיד ישיבה גדולה.

אז ביום השביעי הרב חיים דוד לעבאוויטש שליט"א מ'ניקלשבורג, ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען אדמו"ר מ'זוטשקא קאראקאס שליט"א.

במשכ'ן סעודה האט דער רבי מכבד געווען הרב קרויס שליט"א, און הרב יושע לאנדא שליט"א, אויפצוטרעטן מיט פאסיגע ווערטער לכבוד די שמחה.

נאכן טיש האבן די בחורים אהיימבאגלייט דעם רבי'ן און נאכגעזאגט דברי תורה אויפן וועג. אנקומענדיג אהיים האט דער רבי געוואונטשן א גוט שבת.

◆

שבת נאכמיטאג איז צוגעגאנגען צו תפילת מנחה הרה"ג ר' חיים ברוך יודא לייפער שליט"א. די עליות האבן עולה געווען ראשון הרה"צ רבי אברהם יודא סג"ל שליט"א, שני הרב יושע בעריש לאנדא שליט"א, שלישי הרה"ח ר' שלום יחיאל מיכל ארגעל הי"ו, הגבה כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א,

קידוש ביי סעודה שלישית האט דער רבי מכבד געווען הרה"ח ר' חיים פנחס צוויבל הי"ו. דער רבי האט משמיע געווען דברות קודש.

מיט די זמירות זענען מכובד געווארן: הרב אברהם יצחק קאהן שליט"א פון מאנסי, נכד רבינו שליט"א, מוה"ר שמואל מאיר קרויס הי"ו, מו"ה משה (בר"ש) סג"ל קרויס הי"ו פון קרית יואל, הרב יואל וויס שליט"א פון בלומינגבערג.

דער רבי האט געבענטשט ברהמ"ז על הכוס, הגבהת הכוס

הב׳ יוסף ארי׳ לאווי נ״ו נכד רבינו שליט״א, שיר המעלות הב׳ חיים אלעזר (ברי״מ) פעלבערבוים נ״ו תלמיד ישיבה גדולה. מיט די שבע ברכות זענען מכובד געווארן, ערשטע 6 ברכות דער זיידע האדמו״ר מ׳זוטשקא קאראקאס שליט״א, ברכה אחריתא דער זיידע אב״ד עדעלין קערעסטיר שליט״א.

דער רבי איז צוגעגאנגען צו תפילת מעריב, דערנאך איז דער ציבור אריבער וואונטשן א גוטע וואך א גוט יאר.

הגבהת הכוס צו הבדלה מו״ה ברוך מרדכי פישער הי״ו פון מאנטריאל, די הבדלה האט געהאלטן הב׳ רפאל אברהם ראטטענבערג נ״ו תלמיד ישיבה גדולה.

דערנאך האט דער רבי דערציילט שיחות קודש, און מכבד געווען אב״ד עדעלין קערעסטיר שליט״א צו פארציילן.

שפעטער האט דער רבי אויפגענומען קבלת קהל לברך ולהתברך אין די זאלן פון בית צירל.

## מוצש״ק פר׳ וישלח

מוצש״ק האט זיך דער רבי משתתף געווען ביים סעודת השלושים פון הרה״ח הישיש ר׳ הערש לייב וויינבערגער ז״ל, וואו דער רבי האט פארברענגט מיט בני משפחתו, און מעלה געווען זכרונו הטוב שטייענדיג אלע יארן מיט א געוואלדיגע געטריישאפט לטובת הצלחת קהלותינו ומוסדותינו הקדושים עד זיבולא בתרייתא, ובפרט בראשית השנים זיין מסירת נפש פאר רביה״ק זי״ע. דער רבי האט געטרינקען און געוואונטשן לחיים פאר די בני המשפחה.

⋄

שפעטער איז פארגעקומען א שבע ברכות בהיכל הטישן בביתו נאוה קודש, ספעציעל פאר די תלמידי ישיבה גדולה, אויפן אויבן האבן באשיינט די רמ״י הישיבה שליט״א, מען האט מקבל פנים געווען דעם רבי׳ן בשירה ובזמרה, דער רבי האט זיך געוואשן, און מען האט ממשיך געווען צו זינגן די זמירות מוצאי שבת.

עס האט אויפגעטרעטן דער מגיד שיעור הרה״ג ר׳ חיים סג״ל קרויס שליט״א, אזוי אויך האט אויפגעטרעטן הב׳ ישראל קרויס נ״ו תלמיד ישיבה גדולה, דערנאך האט אויפגעטרעטן הרה״ג ר׳ אברהם שלמה פאפלאנאש שליט״א, און הב׳ ישעי׳ לייב הערשקאוויטש נ״ו האט פארגעזינגן הערליכע חרוזים לכבוד די שמחה.

רבינו שליט״א האט משמיע געווען דברות קודש. דערנאך פארטיילט שיריים פון די קוגל פאר אלע תלמידים.

ברהמ״ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הרה״ג ר׳ אברהם שלמה פאפלאנאש שליט״א, שיר המעלות הב׳ יואל בינער נ״ו. מיט די שבע ברכות זענען מכובד געווארן די רמ״י הישיבה, הרה״ג ר׳ אלימלך סג״ל לאווען שליט״א, הרה״ג ר׳ יעקב סג״ל קרויס שליט״א, הרה״ג ר׳ אלחנן חיים כ״ץ שליט״א, הרה״ג ר׳ לייב קופטשיק שליט״א, און הרה״ג ר׳ חיים סג״ל קרויס שליט״א, ברכה אחריתי הרה״ג ר׳ יונה פישער שליט״א.

נאכן בענטשן האט מען זיך אויפגעשטעלט טאנצן ריקודין עילאין, ווי רבינו שליט״א האט געטאנצן מיטן חתן, דערנאך מיט די מחותנים און זיידע׳ס ובני המשפחה.

## זונטאג פר׳ וישב

אינדערפרי איז פארגעקומען ביי רבינו שליט״א די תפלין לייגן פאר הבחור הבר מצוה בן מוה״ר פנחס ווידער הי״ו פון מאנטריאל, חתן הגה״צ אב״ד ראשית חכמה שליט״א, דער רבי האט געגעבן ווארימע דברי הדרכה, און נאכן תפלין לייגן אנגעוואונטשן ברכת קדשו פארן בר מצוה בחור און די עלטערן, און געגעבן במתנה די ספרי הקודש עבודת עבודה.

⋄

ביינאכט האט זיך רבינו שליט״א משתתף געווען ביים שמחת שבע ברכות אין שטוב פונעם שוואגער פונעם חתן הרב יושע לאנדא שליט״א. דער רבי האט מפאר געווען בראש המסובים, געמאכט א לחיים, און אנגעוואונטשן פארן חתן און מחותנים ובני משפחה.

## מאנטאג פר׳ וישב

פארנאכטס האט דער רבי באשיינט מיט בגדי שבת דעם קבלת פנים פון הכלה נכדת רביה״ק זי״ע, בת הרה״צ רבי אלעזר דוד קאהן שליט״א, בן אב״ד סענזשארץ שליט״א וחתן כ״ק אדמו״ר מ׳האדאס שליט״א, עב״ג החתן אלכסנדר ליפא נ״ו, בן הרה״ג ר׳ ישראל יצחק אייזיק לאבין שליט״א, אין די זאלן פון בית צירל אין קריתינו הק׳.

דער רבי האט געטרינקען לחיים, אנגעוואונטשן ברכת קדשו פארן חתן מחותנים און זיידע׳ס ובני משפחה, אנגעטון די גארטל, געלייגט די אש אויפן חתן, באדעקט די כלה, און מכבד געווען גיסו הגדול דער זיידע כ״ק אדמו״ר מ׳האדאס שליט״א מיט סידור קידושין.

שפעטער איז דער רבי צוריק אין זאל, און באשיינט די אויבן אן א לענגערע צייט, אנשי שלומינו זענען אריבער וואונטשן מזל טוב, און זיך מיטגעפריידט מיט די שמחה בבית צדיקים.

דערנאך האט דער רבי געטאנצן ריקודי קודש מצוה טאנץ לפני הכלה, דערנאך מיטן חתן און געהויבענע מחותנים און זיידע׳ס שליט״א.




# קול איחוד טאהש

קולו בקודש מרביה"ק זי"ע • דברות ושיחות קודש מרבינו שליט"א
דרשות • שיעורים • חבורות • מעמדים • מאורעות • מודעות • שמחות • אינטערוויו'ס • ועוד

718.451.8674 | 514.500.8674 | 0.333.015.0715 | 079.704.0074

קלארע און הערליכע שיעורים
במסכת בבא בתרא (ה' עמודים)
ובמסכת זבחים (ז' עמודים)
בחבורת "מזון הנפש"
41 פון די מעין מעניו

מזון הנפש

## סדר הלימודים

במסגרת החבורות שע"י קהילתינו הק'

## = פרשת מקץ =

| | ז' עמודים - מסכת זבחים | | ה' עמודים - מסכת בבא בתרא | |
|---|---|---|---|---|
| | לימוד היום | חזרת השבוע | לימוד היום | חזרת השבוע |
| שב"ק וישב | דף כ. | דף טז: | חזרה | חזרה |
| זונטאג | דף כ: | דף יז. | דף קלב. | דף קכט: |
| מאנטאג | דף כא. | דף יז: | דף קלב: | דף קל. |
| דינסטאג | דף כא: | דף יח. | דף קלג. | דף קל: |
| מיטוואך | דף כב. | דף יח: | דף קלג: | דף קלא. |
| דאנערשטאג | דף כב: | דף יט. | חזרה | דף קלא: |
| עש"ק | דף כג. | דף יט: | חזרה | חזרה |

בחינה הבאה ביום א' פרשת ויחי
חבורת ז' עמודים - ב. - כג:
חבורת ה' עמודים - קכג. - קלה.

הערליכע שיעורים לימוד וחזרה קען מען הערן אויף קול איחוד טאהש
514-500-8674 - 718-451-8674
ביי 41 פון די מעין מעניו.


יד"ל ע"י
איחוד תלמידי וחסידי טאהש
להערות והארות וכן לנדב גליון לשבוע
נא לקרוא להמערכת

איחוד תלמידי חסידי טאהש

P. 718.451.8674
EXT. 8
F. 877 760-0544
11 Van Buren Dr. #305
Monroe N.Y. 10950


די לעצטע געלעגנהייט אריינצושיקן מודעות און מזל טוב'ס פארן גליון איז:
מיטוואך 12:00 מיטאג